№ 33 Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. זעכסטער יאהרגאנג. פּרײַז 20 גראָשען ,,CZĘSTOCHOWER CAJTUNG

טשענסטאָכאָווער צייטונג

אַנאָנסען-פּרײַז: פאַר א מילימעטער שורה
פאר'ן טעקסט 24 גראָשען נעבן טעקסט 18 גראָשען.
אין טעקסט 60 גראָשען.
פאר'ן אינהאַלט פון די אַנאָנסען איז די רעד. ניט פאראנטוואָרטליך.

ערשיינט יעדען פרייטאג.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע
ערשטע אלעע 6. טעלעפאן 201.

אַבאָנאַמענטס-פרײַז
א נומער 20 גראָשען.
אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
Częstochowa, Aleja 6. telefon 201.

פרייטאג, פ' ואתחנן י"ד אב, תרפ"ז. ליכט צינדען 6 מיט 43 מיניט Piątek dnia 12 sierpnia 1927

זונטאג דעם 14 אויגוסט 1927, 3 נאכמיטאג קומט פאר אין איינענעם לאָקאל אַגראָדאָווא 12

די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער געז. „לינת הצדק"

מיט פאָלגענדען טאג-אָרדנונג: 1) ערעפנונג, 2) וואהלען פון א פּרעזידיום פון דער אלגעמיינער פערזאמלונג, 3) בעריכט פאר'ן יאהר 1926, 4) בודזשעט פאר'ן יאהר 1927, 5) וואהלען פון 4 פערוואלטונגס-מיטגלידער אויף'ן ארט פון די ארויסטרעטענדע לויט'ן סטאטוט ה"ה: ה. גרונדמאן, א. מיענטקעוויטש, ד. מארקאָוויטש, ל. בוינאצקי, 6) פרייע פארשלאגען.

אויב אין ערשטן טערמין וועט נישט זיין אנוועזענד קיין גענוגענדע צאהל מיטגלידער לויט'ן געזעץ וועט די פערזאמלונג פארקומען אין צווייטען טערמין 4 א זייגער נ"מ דעם זעלבען טאג און ארט, און וועט זיין גילטיג ביי יעדע צאהל אנוועזענדע מיטגלידער.

בעמערקונג: קיין בעזונדערע איינלאדונגען וועלען נישט ארויסגעשיקט. — אלע מיטגלידער ווערען געבעטען אומבעדינגט צו זיין אנוועזענד.

פייערלטשטער-זאל

פעראייניגטע טרופע פון יודישען ארטיסטען-פעראיין אונטער דער ליטונג פון ה' ביאלקאָוויטש מיט'ן אנטייל פון פרויען: ביאלקאָוויטש, ליבגאלד, לובארטאווסקא, ראָזען, צאָהם א"א. מענער: ביאלקאָוויטש, בלאַם, גאָלדפארב, הינער, חיינבערג, זובאק, ווילבערבערג, ליבגאלד, אא.

סופלער ה' לודנער רעזשי ה' ראבינאָוויטש

בילעטען פריהער צו בעקומען אין דער דרוקערײַ פון ה' בעשטען אלעע 6, שבת פון 11 פריה ביי דער קאסע.

לעצטע 3 פארשטעלונגען פון די ארטיסטען פון קאמפאניעצ'ס טרופע פּאַלאַכאָוו, באָריסאָווא, אַניטלא, ראַבינאָוויטש.

שבת ד. 13 אויגוסט 4 נאכמ. פון 60 גר. ביז 2 זל. **געלד, ליבע און שאנדע** סאניע—אניעלא, הערי - ראבינאָוויטש
ווערט געשפילט די פיעסע אין 4 אקטען פון ולאטארעווסקי!

שבת 9 אווענד פרעמיערע! צום ערשטען מאל אין טשענסטאכאָוו אמעריקאנער שלאגער, אפערעטע אין 3 אקטען **דער קליינער מיליאנער** הערי—ראבינאָוויטש ציגײַנערקע—ליבגאלד

זונטאג 9 אווענד לעצטע פארשטעלונג ס'ווערט געשפילט צום ערשטען מאל די אײַראָפּעאישע אויסשטאַטונגס-אפערעטע אין 4 אקטען **דאס יונגע ווייבעל** רעגינא—אניעלא יאזעף—ראבינאָוויטש

אויפפאָדערונג.

מיר פאָדערען אויף די פלעשער-ארבייטער שולים הערשליקאָוויטש (נעהן קאסירער) שמואל יאסעל יאקובאָוויטש און ש. שטשעדבאלא או אין פערלויף פון 3 טעג איינצוצאהלען דער פערוואלטונג די איבערגעבליבענע פעראיינס-געלדער, אין געגענפאל וועלען מיר זיין געצווינגען ארויסצוטרעטען געגען זיי געריכטליך. מיט אכטונג
די פערוואלטונג פון פראפעסיאנעלען פעראיין פון פלעשער ארבייטער אין טשענסטאכאָוו.

אויף ראטעם!
א לעדערנעם שיכווארג פאר מענער, פרויען און קינדער
די בעסטע אויסארבייטונגען און די נייעסטע פאסאנען אויך זעמטליכע גאלאנטעריע סחורות אויף די בעקוועהמליכסטע בעדינגונגען בעקומט מען ביי
ה. ווײַס און ל. ברויז, קראקאווער 6

ווירקליך א נייעס!
א שטוב מיט א קוך
צו פערדינגען אין אסטראָוו
ביי מ. דזיאלאָשסקי.

Dr. med. JULJAN LIPIŃSKI
POWRÓCIŁ
przyjmuje
ul. Panny Marji № 1.

אונטער א גוואראנץ
ברענגט אום קאראלוכעס און אלערארט ווערים נאך דער פראשעק
,,MORANT"
צו בעקומען אין אלע אפטייקען און אפטייק-סקלאדען.

Dr. med. Okulista - trachomatolog
JAN SKOTNICKI
ul. Panny Marji 20
Przyjmuje od 4—7.

קופאָן נר 2
גורל פון ביכער-פרעמיעס פאר אויגוסט

אונזער געעהרטען מיטארבייטער ה' כ. פלאצקער און פרוי צו זייער ניי געבוירענער טאכטער, ווינשען א הערצליכען מזל-טוב.
די רעדאקציע, אדמיניסטראציע און זעצער פערסאנאל פון ,,טשענסטאכאָווער צייטונג".

בעריכט פון דער געז. „לינת הצדק" אין טשענסטאכאוו.

פאר'ן יאהר 1926

די פערוואלטונג: פרעזעס: א. האמבורגער, וויצע-פרעזעס: י. ס. קרעל, סעקרעטאר: דוד מארקאָוויטש, קאסירער: בעריש ושעריקער, ווירטשאפטער: מרדכי סודאָוויטש, מיטגלידער: ה. גרונדמאן, ל. בוינאצקי, ע. פאזניאק, א. יורקעוויטש, ג. פרענער, י. גרילאק און א. קאנגרעצקי.

בעריכט פון דער טעטיגקייט.

מעדיצינישע הילף אין אמבולאטאריום האבען בעקומען 2830 קראנקע, אין דער היים דורכ'ן דאקטאר 446 קראנקע, אפאטרונקעס דורכ'ן פעלדשער 635 קראנקע, עס איז ארויסגעגעבען געווארען 14 ברוכבענדער. בעזונדער זענען ארויסגעגעבען געווארען פערשידענע אונטערשטיצונגען, ווי: וואנעס, גומי-קישעלעך, אייז-בלאזען, באנדעגען א. אנד., משמורים ביי 56 קראנקע.

אויך איז ערטיילט געווארען מעדיצינישע הילף נעגען קוויטלעך פון „לינת הצדק" דורך דאקטוירים, ספעציאליסטען ווי דר. ראזען, דר. באטאחיא, אויך ביי די ה"ה דענטיסטען פרין און בראניטשעווסקי. וועלכע האבען אויך פיעל וויזיטען ערטיילט גאנץ אומזאנסט, פאר וואס מיר דאנקען זיי אין נאמען פון די קראנקע.

קאסא-בעריכט

אײַנקונפטען

קאסע-בעשטאנד ד. 1/1 1926	112 03
פון מיטגלידער בײַטראג —	4172 39
נדבות פון פורים קארטען —	279 25
" " ר"ה —	337 55
פון קערות עיו"ב —	110 43
" חתונות און ברית'ן —	543 01
" פערשידענע אנדערע געלעגנהייטען	594 65
צוצאהלונגען צו ארצטליכע קוויטלעך	31 80
פון אבצייכנונגס-טאג —	289 68
פון דער גמינע —	1260 —
	7730 79 זל

אויסגאבען

מעדיקאמענטען פאר'ן אמבול.	881 55
בעצאהלט ד"ר קאנארסקי —	1280 —
" לעווקאוויטש —	147 —
" פעלדשער פישמאן —	1022 —
פאר ברוך-גארטלען —	77 50
" מילך —	145 65
" מעדיצינען אין די אפטייקען	895 46
משמורים ביי קראנקע —	18 —
אונטערשטיצונגען אין באאר —	25 —
פראוויזיע דעם אינקאסענט —	1141 12
פענסיע דעם פערסאנאל —	1248 —
בעהייצונג און בעלייכטונג —	54 58
שרייב-מאטעריאלען —	72 50
אנאנסען —	65 —
דירה-געלד —	426 57
פאר אויסמאהלען 2 שטיבען —	42 —
פערש. קליינע אויסגאבען —	40 —
פאר רעפערירען א וואנע —	2 —
באאר אין קאסע —	146 86
	7730 79 זל

בודזשעט אויפ'ן יאהר 1927.

הכנסה.

קאסע-בעשטאנד —	146 86
סובסידיום פון דער גמינע —	4605 —
נדרים ונדבות —	1800 —
מיטגלידער-בײַטראג —	4500 —
אונפארגעזעהענע אײַנקונפטען —	400 —
	11451 86

הוצאה.

דאקטוירים —	2000 —
פעלדשערס —	1500 —
מעדיקאמענטען —	2000 —
מעדיצינען אין אפטייקען —	1500 —
אינקאסא —	1100 —
מילך —	751 86
ביורא-קאסטען —	1000 —
פענסיעס —	1200 —
ברוך-גארטלען —	100 —
אונטערשטיצונגען אין באאר	100 —
לעבענסמיטעל —	100 —
משמורים ביי קראנקע —	100 —
	11451 86

בילאנס

אקטיוו.

קאסא — —	146 86
מעדיצינישע אוטענסיליען —	357 44
ביורא —	288 —
חוב ביי דער גמינע —	1605 —
" " ה' ראטהעלץ —	35 —
אמבולאטאריום —	1800 —
	4232 30 ז.

די ציהונג פון די ביכער-פרעמיעס פאר יולי.

מיטוואך 7 א זייגער אווענד, לויט ווי מיר האבען פריהער מיטגעטיילט איז אין דער אנוועזענהייט פון די רעדאקציע און אדמיניסטראציע-מיטגלידער פארגעקומען די ציהונג פון די 10 ביכער-פרעמיעס פאר יולי, וועלכע האט געגעבען פאלגענדען רעזולטאט:

1) געשיכטע פון יודען אין פוילען, הירשהארן — ה' מ. פייגענבלאט אלעע 10.
2) אין פוילישע וועלדער, אפאטאשו — ה' ש. קאץ, אלעע 20.
3) שירים, ביאליק — ה' זילבערבערג, אלעע 33.
4) בילדער און סקיצען, פרץ — ה' גרין, ווארשאיזער 19.
5) קידוש השם, אש — ה' שפערלינג, אלעע 1.
6) אינ'ם וועלט-קריג, דר. לעווין — ה' פויסט, סטראזשאצקא 10.
7) קופער-קעניג פון סוביר, רייז — ה' דוימאן, טארגאווא 3.
8) אפיקורסים, יאושואהן — ה' שוויאטלי, פילסודסקי 27.
9) די שפאנישע אינקוויזיציע, דר. לעהמאן — ה' טרעמבאצקי פראסטא 4.
10) אויסדערוועהלטע שריפטען, אחד-העם — א. עפשטיין, קראק. 1.

די ביכער זענען אבצונעמען אין רעדאקציע.

Szkoła Rzemieślniczo - Przemysłowa dla Żydów
w Częstochowie
podaje do wiadomości, że rozpoczęły się zapisy do oddz.: ślusarsko-mech., elektro-mech. i stolarskiego.
Kancelarja czynna codziennie od 9 do 2.
Jednocześnie zawiadamiamy, że rozpoczęły się zapisy na Kursach Dokształcających dla terminatorów przy Szkole Rzemiosł.
Zapisy codziennie od 7 do 9 wiecz.

סאמועל קאץ
דאמען-שניידער
טשענסטאכאָוו, אלעע 20, טעל. 212
איז צוריקגעקומען
און נעמט הייטער אן בעשטעלונגען אויף קאסטיומען און דאמען - מענטעל, ווי אויך אלערליי פוטער - קאנפעקציע און פערטיגט אויס לויט די לעצטע אריגינעלע פראנצויזישע מאָדעס.

עס איז א זעלבסטפערשטענדליכע זאך פארוואס יעדע ווירטין פאדערט נור
דאס איז דערפאר ווייל די שמאקהאפטסטע און אנגענעמסטע פוטער איז נור

„פאטאקאל"

„פאטאקאל"
דארף קיינער נישט פערגעסען ענטהאלט 100 פראצענט פעטס און איז פערזעהען מיט א הכשר

זאל די ארבייט בעניט ווערען!

עס עגזיסטירט ביי אונז אין שטאָדט א אַנשטאַלט, וועגען וועלכען מען האָט פאַר זיין ענטשטעהונג פיעל געהערט און געשריבען, און מען האָט נישט אויפגעהערט טאָג-טעגליך צו ערקלערען אז ער מוז געשאַפען ווערען און מוז ביי אונז אין שטאָדט עגזיסטירען.

אָבער ווי נאָר ער איז ענטשטאַנען, ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבען פונקציאָנירען איז מען שטיל געוואָרען, האָט אויפגעהערט די גאַנצע אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע אַזוי ווי מיט זיין ענטשטעהונג האָט דאָס יודישע טשענסטאָכאָוו שוין דאָס איהריגע געטהון, און איהר חוב ערפילט.

באמת איז דאָס אָבער הײַנט נישט אַזוי.

מיר מײנען דאָס דעם רעטונגס קאָמיטעט, אָבער לאָמיר דאָס אָנרופען מיט זיין פאַקטישען נאָמען די הלואה-קאַסע ביי דער יודישער גמינע.

אַלע געדענקען מיר, ווי עס איז געליאַרעמט געוואָרען אויף דער יודישער גאַס, אז מען מוז א רעטונגס-קאָמיטעט שאַפען, אז דער קריזיס איז אונגעהויער גרויס, אז הונדערטער יודישע פאַמיליעס פון מאַרק הענדלער און בעלי-מלאכות שטעהען פאַר א רוין, טויב מען וועט זיי נישט צוהילף קומען מיט קלײנע אָהן - פּראָצענטיגע הלואות. מען האָט נישט אויפגעהערט צו אַפּעלירען צום געוויסען פון די מעהר פערמעגליכע היגע יודען, צו פאָדערען פון זיי, פון זייער יודיש און מענשליך האַרץ, אז זיי זאָלען צוהילף קומען זייערע געדריקטע ברידער, מען האָט ארויסגעגעבען אויפרופים, ווי אויף פּיש ובחוצות. מען האָט אויפגענומען אַלע מעגליכע מיטלען, ווײַל מען האָט געהאַלטען, אז די לאַגע איז אונערטרעגליך און די הילף איז דרינגענד נויטיג.

און דער רעטונגס - קאָמיטעט אָדער די הלואה-קאַסע איז געשאַפען געוואָרען און עס איז שטיל געוואָרען, מען רעדט מעהר נישט וועגען איהם, מען הערט מעהר קײנעם נישט, מען פאָדערט מעהר פון קײנעם נישט, ווײַל ער איז שוין דאָ, דער רעטונגס-קאָמיטעט ביי דער יודישער קהלה עגזיסטירט און פונקציאָנירט רעגעלמעסיג, און ערפילט זיין פליכט.

אָבער צי מען קען באמת זאָגען, אז די זאַך איז ערלעדיגט, אז דער דאָזיגער אַנשטאַלט ערפילט זיין אויפגאַבע און שטעלט צופרידען די אַלע יעניגע, פאַר וועלכע ער איז געשאַפען געוואָרען איז א גרויסע פראַגע.

דער קאָמיטעט עגזיסטירט. זיין הילף פאַר די אונבעהילפליכע געדריקטע סוחרים און הענדווערקער איז אונגעהויער גרויס, עס איז ווירקליך נישט אָבצושאַצען וועלכען גרויסען נוצען די דאָזיגע הלואות ברענגען פאַר די וואָס בענעטיגען זיך אין זיי און פיעל פיעל יודישע פאַמיליעס זענען פאַקטיש גערעטעט געוואָרען פון אונטערגאַנג, אָבער לאָמיר נאָר זעהען וויפיעל בעקומען דאָס די דאָזיגע הלואות און ווער האָט דאָס די זכיה צו זיין פון די גליקליכע וואָס זאָל א הלואה בעקומען.

עס איז גענוג צו קומען אײנמאָל אין גמינע און זעהען וויפיעל טויזענטע געדריקטע יודען עס שטעהען און בעטען זיך פשוט מיט טרערען אין די אויגען, אז מען זאָל זיי אויך געבען א הלואה און זיי ווייזען אויף מיט פאַקטען, מיט גענויע בעווײַזען, אז מיט א הלואה פון הונדערט גולדען זענען זיי גערעטעט, קענען זיי דערהאַלטען זייער קרעמיל אָדער בעשעפטיגען זייער ווערקשטעל און דער קאָמיטעט מוז ביי זיך בעסטען וועלען זיי זאָגען: וואָס קענען מיר טהון, מיר האָבען דערווײַל נישט קײן געלד, די קאַסע איז לעהר און ווען עס וועט אפילו אײַנפליסען, ווען עס וועלען אָנרוקען די טערמינען פון די וועקסלען און זיי וועלען בעצאָהלט ווערען פונקטליך איז אויך דאָס געלד שוין פון פריהער בעשטימט פאַר אַנדערע, פאַר די וואָס זענען פריהער געקומען און איהר מוזט וואַרטען.

נו, צי קען מען ווירקליך זאָגען, אז דאָס יודישע טשענסטאָכאָוו האָט איהר חוב ערפילט, אז זי האָט געטהון פאַר איהרע געדריקטע ברידער דאָס, וואָס זי האָט געדאַרפט און געקענט טהון?

מיר מײנען, אז די קאַסע עגזיסטירט נאָר א דאַנק די עטליכע טויזענד דאָלאַר וואָס דער „דזשאָינט" האָט צו דעם צוועק געגעבען און די היגע יודישע בעפעלקערונג האָט פּראָפּאָרציאָנעל וועניג, זעהר וועניג זיך בעטהײליגט צו דעם וויכטיגען צוועק און עס פרעגט זיך פאַראַוואָס האָט די אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע אויפגעהערט? פאַראַוואָס אַרבייט דער קאָמיטעט נישט ווייטער אויף דעם געביעט צו פערגרעסערן זיין קאַפּיטאַל און צו קענען וואָס אָפטער ארויסגעבען מעהר און מעהר הלואות פאַר די נצרכים וואָס מעהרען זיך פון טאָג צו טאָג?

צי זענען באמת די היגע מעהר פערמעגליכע יודען, וואָס האָבען צוליעב געהײמע סבות נאָכנישט געגעבען זייערע נדבות צו דעם צוועק (און אזאַלבע זענען פערהאַן מעהר ווי די וואָס האָבען זיך געגעבען) שוין באמת יוצא מיט דעם וואָס דער קאָמיטעט עגזיסטירט?

און אפילו דעם קאָמיטעט אַליין מוז מען אנערקענען, אז ער אַרבייט זעהר גוט און ערפילט זיין פליכט, אָבער צי קען ער זיך בעגניגען לאָזען בלויז מיט'ן אָבהאַלטען אײַנמאָל אין צוויי וואָכען א זיצונג, פערטײלען א רײַהע הלואות וועלכע בעפרידיגען פיעל מאָל נישט קײן דריטעל פון די אײַנגעפלאָסענע בקשות?

מיר האַלטען, אז דאָס איז נישט גוט, אז די אויפגאַבע פון דעם קאָמיטעט איז ווייטער צו פיהרען די נויטיגע זאַמלונגס-אַרבייט און מיט נאָך מעהר ענערגיע, מיט נאָך מעהר אָפּפערווילונקייט.

און מיר גלויבען אז די אַרבייט וועט איהם איצט פיעל לײַכטער זיין, ווארום די אַגיטאַציע פאַר דער זאַך איז שוין מעהר נישט נויטיג, די בעסטע פּראָפּאַגאַנדע איז די הלואה - קאַסע אַליין, די פיעלע הונדערטער פאַמיליעס, וואָס זענען דורך איהר גערעטעט געוואָרען פון אונטערגאַנג זענען דאָס בעסטע אַגיטאַציאָנס-מיטעל אז מען דאַרף די הלואה-קאַסע שטיצען.

און בעזונדער איז דאָס דאָך געוואָרען א שטאָדטישע זאַך, דאָס קאַפּיטאַל איז דאָס אײגענטום פון דער טשענסטאָכאָווער יודישער בעפעלקערונג, די אינסטיטוציע איז אונזערע, דאָס געלד ווערט נישט פערפאַלען און דאָס בלײַבט אַלס קרן קיימת פון די היגע יודען.

און צי איז דען פערהאַנען אײן יוד, ווי גוט און מאויל עס זאָל איהם נישט זיין אז ער זאָל קענען זאָגען מיט זיכערהייט, אז דאָס רעדל קען זיך חס-ושלום נישט איבערדרעהען און ער אַליין, דער איצטיגער גביר זאָל חלילה נישט ברויכען אָנצוקומען צו דער דאָזיגער קאַסע?

דאַריבער האַלטען מיר, אז דער קאָמיטעט, וואָס שטעהט אין דער שפּיץ פון דער הלואה - קאַסע דאַרף אומבעדינגט צו בעגינען זיין זאַמלונגס-אַרבייט, אויפצופאָדערן קודם - כל די היגע יודען, וועלכע קענען אומשטאַנד און האָבען ביז-איצט נישט געגעבען צו דעם צוועק, אז זיי זאָלען דאָס איצט טהון און בכלל דאַרף די זאַמלונגס-אַרבייט נישט אויפהערען, מען דאַרף בסדר זאַמלען און זאַמלען, ווײַל קײן נצרכים פעהלען נישט און הלואות זאָלען זיי טאַקי אויספעהלען.

י. פ.

וואו זענען זיי געווען?

אז די היגע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, אַזוי די אגודת הציונים, ווי דער „מזרחי" זענען נישט טעטיג און ערפילען נישט זייערע אויפגאַבען, דאָס איז שוין פאַר דער היגער יודישער בעפעלקערונג א לאַנג-באַוואוסטע זאַך.

פיר טשענסטאָכאָווער יודען ווייסען אז די ביידע אָרגאַניזאַציעס האַלטען סתם אויף גאַנץ גענוג ברוח'דיגע לאָקאַלען וועלכע זענען אָבער פערשלאָסען אָדער מען קען דאָרט אין בעסטען פאַל געפינען עטליכע יוגענדע - חברים; וואָס טהון דאָרט אגב גאָרנישט.

ביז אַהער איז דאָס אָבער געווען בעוואוסט נאָר פאַר אונז טשענסטאָכאָווער, ביז אַהער איז דאָס געווען אין אונזערע ד' אמות, די וועלט אָבער, די ברײַטע יודישע וועלט, האָט געהאַלטען, אז אין אונזער קהלה ווי טשענסטאָכאָוו, וואו די אגודת הציונים און דער מזרחי זענען כמעט פון די ערשטע, וואָס זענען ענטשטאַנען אין פּוילען און וואו ס'איז שטענדיג פיעל געמאַהט געוואָרען אויף דעם געביעט, אין דער דאָזיגער שטאָדט האָבען אַלע געמיינט, ווערט אויך איצט געטהון פאַר דעם נאַציאָנאַלען קיום פון'ם יודישען פאָלק, אמת מיט א שוואַכערן טעמפּאָ צוליעב דעם לעצטען קריזיס וואָס הערשט בכלל אין דער ארץ - ישראל-אַרבייט, אָבער געטהון ווערט.

אַזוי האָט מען געמיינט און אַזוי האָט מען געהאַט דאָס רעכט צו מיינען.

לעצטענ'ס אָבער זענען די קאַרטען אויפגעדעקט געוואָרען און די גאַנצע יודישע וועלט זעהט וואָס ביי אונז קומט פאָר אין דער ציוניסטישער וועלט און מיר דאַרפען זיך שעהמען אונזערע אויגען אויפצוהייבען פאַר חרפה.

ווארום מיט וואָס קען מען בערעכטיגען דאָס וואָס אַזאַ שטאָדט ווי טשענסטאָכאָוו האָט נישט גענומען קײן אנטײל אין די וואַהלען צום הײַנטיגען קאָנגרעס? מיט וואָס קען מען פערענטפערן די היגע ציונים און מזרחים, וועלכע האָבען נישט פאָרגעזעהען, אז טשענסטאָכאָוו זאָל אויך קענען נעמען א וואָרט און זאָגען א דעה אין דעם קאָנגרעס, וועלכער אינטערעסירט אַזוי שטאַרק דאָס יודישע פאָלק?

און מיר לעזען טאָג - טעגליך אין דער פּרעסע די בעריכטען די רעזולטאַטען פון די קאָנגרעס-וואַהלען, וועגען דעם הײַנטיגען וואַהל-קאַמף וואָס איז אין אַלע יודישע שטעדט פאָרגעקומען, וויפיעל שטימען עס האָט בעקומען די ליסטע און וויפיעל די צווייטע ליסטע, מען רעכענט אויס, וויפיעל מאַנדאַטען עס וועט האָבען די ציוניסטישע רוכטונג און וויפיעל די צווייטע, און צווישען די נעמען פון די פערשידענע שטעדט און שטעדטלעך אין פּוילען געפינט מען כמעט אַלע, פון די גרעסטע יודישע קבוצים ביז די קלענסטע פערוואָרפענסטע שטעדטלעך, אומעטום האָט מען געוועהלט, איבעראַל האָט מען זיך אינטערעסירט מיט דעם קאָנגרעס, נאָר איין שטאָדט, איין יודישע קהלה און דווקא נישט קײן קלײנע פערוואָרפענע קהלה, נאָר אַזאַ וואָס האָט שטענדיג פערנומען א חשוב'ן פּלאַץ, א זעהר אָנגעזעהען אָרט אויף דעם געביעט, אָט די קהלה, טשענסטאָכאָוו, זעהט מען דאָרט נישט, איהר נאָמען ווערט נישט דערמאָנט, אַזוי ווי זי וואָלט בכלל נישט עגזיסטירט, אָדער עס וואָלטען אין איהר נישט פערהאַנען געווען קײן ציוניסטען, קײן מזרחי'ס, קײן פּועלי-ציון און קײן התאחדות.

מען זאָגט אז מען האָט פערזעהען, מען האָט מיט א קלײנינקײט פערנאַכלעסיגט און מען האָט דאָס געלד פאַר די שקלים נישט אָבגעשיקט אין דעם בעשטימטען טערמין און דאַריבער איז טשענסטאָכאָוו נישט אַרײַן אין דער וועהלער-ליסטע און האָט נישט געהאַט קײן וואַהל-רעכט.

אָבער איז דאָס דען א תירוץ, קען דאָס זיין א פערענטפערונג, קען מען פערנאַכלעסיגען אַזאַ וויכטיגע זאַך ווי קאָנגרעס-וואַהלען, וועלכעס איז, דאַכט זיך, אײנס פון די יסודות אויף וועלכען די אויפבוי - אַרבייט אין ארץ-ישראל שטעהט?

האָבען דען די פיהרער פון אגודת הציונים ווי פון מזרחי וועלכע טהון א גאַנץ יאָהר גאָרנישט, זיינען געראַטען פיהלען אויף זיך די גרויסע אחריות כאָטש אײנמאָל ווען עס האַלט ביי קאָנגרעס-וואַהלען, אז זיי זאָלען דאָס נישט פערשפּעטיגען?

און מיט וואָס, פרעגט זיך, זענען זיי ציונים אָדער מזרחים, וואָס טהון זיי עפּיס אַנדערש פאַר ארץ-ישראל, ווען נישט דאָס וויכטיגסטע, די קאָנגרעס-וואַהלען?

איך בין זיכער, אז ווען ס'וועט האַלטען ביי אָרטיגע וואַהלען צום שטאָדט - ראַט אָדער צו דער קהלה, וועלען זיי קומען און רעדען אין נאָמען פון אונזער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג, אין נאָמען פון ארץ-ישראל, און וועלען פאָדערען פון דער היגער יודישער בעפעלקערונג צו וועהלען אין די שטאָדטישע אָרגאַנען נאָר נאַציאָנאַלע יודען, נאָר וועלכע שטעהען אויפ'ן באָדען פון נאַציאָנאַלער אויפלעבונג.

יאָ, ביי די דאָזיגע וואַהלען וועלען זיי נישט פערשפּעטיגען, וועלען זיי געדענקען אַלץ צו טהון אין דער צײַט און אפשר נאָך פאַר דער צײַט, און ווען עס האָט געהאַלטען ביים עיקר העיקרים, ביי די וואַהלען צום איצטיגען קאָנגרעס, וועלכער דאַרף זיין דער וויכטיגסטער, וואָס דאַרף ענטשיידען גרונד-פראַגען, אין וועלכע ס'איז מעגליך אָבהענגיג דער גאַנצער אויפבוי פון ארץ-ישראל, וואו זענען זיי דאַמאָלס געווען?

צי האָט טאַקי דער ציוניזם אַלס אַזעלכער א גרעסערע אינטערעסירונג אין די וואַהלען צו די קאָמונאַלע שטאָדטישע זעלבסטפערוואַלטונגען ווי אין די וואַהלען צום קאָנגרעס? דאַכט זיך אז דאָס וועט קײנער נישט זאָגען און דאַריבער איז טאַקע נישט צו פערשטעהן וואו זיי זענען געווען.

א ציוני.

די פאַרבערײַטונגען צום קאָלאָשען-סעזאָן.

עס זענען פערהאַן אינטערעסירטע פּערזאָנען, וועלכע לאָזען ארויס פון צײַט צו צײַט פערשידענע פאַלשע קלאַנגען, וועלכע האָבען דעם אײנציגען ציעל צו ברענגען שאָדען די „פּעפּעגע", די אײנציגע קאָלאָשען-פאַבריק אין פּוילען. דאָס קומט זיי אָבער אָן שווער ווײַל די קאָלאָשען, מאַטען און ספּאָרט-שיך פון דער „פּעפּעגע" האָבען שוין בעקומען זייער זיכערע גוטע רענאָמע אין לאַנד.

די „פּעפּעגע" האָט צום הײַ-יעהריגען סעזאָן געמאַכט גרויסע פאָרבערײַטונגען, זי האָט פערגרעסערט די צאָהל אַרבײַטער פון 700 אויף 1800 און מען אַרבײַט אויס מעהר סחורה מיט 250 פּראָצענט. בײַ דעם אַלעם האָט זי נישט בעדאַרפט אָנקומען צו פרעמדען קאַפּיטאַל, ווײַל זי בעזיצט גענוג אײגענע קאַפּיטאַלען. הײַ-יאָהר וועט דאַריבער די „פּעפּעגע" קענען ליפערן מעהר סחורה ווי פאַראַיאָהרען, ווען עס האָט אין סאַמע גרעון פון סעזאָן אויסגעפעהלט סחורה.

הײַ-יאָהר וועט די „פּעפּעגע" עקספּאָרטירען קײן אויסלאַנד נור 20 פּראָצענט פון איהר פּראָדוקציע, ווײַל זי וויל אין ערשטער רײַהע בעפרידיגען די פאָדערונגען פון דער היגער בעפעלקערונג.

ווי ווײַט די אויסאַרבײַטונגען פון דער „פּעפּעגע" זענען בעסער פון די אויסלענדישע און דויערהאַפטער, בעווײַזט דער פאַקט וואָס עס זענען נאָך קײנמאָל נישט געווען קײן רעקלאַמאַציעס און כמעט די גאַנצע בעפעלקערונג האָט אין א קורצער צײַט זיך איבערגעצײַגט צו נוצען די אויסאַרבײַטונגען פון „פּעפּעגע".

(15

די עגונה.

א העכסט - אינטערעסאַנטע געשיכטע פון די לעצטע יאָהרען.

פון י. געלזאָהן.

(פאָרטזעצונג)

און די קיעווער טורמעס האָבען זיך דאַמאָלס געפונען טויזענדער קראַנקע, פּריזאָנערע און מיליטער-פּערזאָנען, און פאַר חנה'לען מיט באַנדראַנאָח'ן איז געווען א זעהר שווערע אַרבײַט אויסצוגעפינען צווישען די דאָזיגע טויזענדער קראַנקע אויב זילבערשטײַן געפינט זיך דאָרט.

ס'רוב פון די דאָזיגע קראַנקע האָבען נישט געהאַט מיט זיך קײן דאָקומענטען, אַסך זענען געפונען געוואָרען אין גאַס אין א בעוואוסטלאָזען צושטאַנד, און די שפּיטאַל-לײַטונג האָט איבערהויפּט נישט געקענט פעסטשטעלען ווי זיי רופען זיך, און דאַריבער האָבען חנה'לע מיט באַנדראַנאָח'ן טראָץ זייער ענערגישען זוכען עטליכע וואָכען אין די שפּיטעלער נישט געקענט געפינען זילבערשטײַנען.

חנה'לע האָט זיך כמעט שוין מיאש געווען פון געפינען איהר פאָטער, אָבער אײַנמאָל ווען זי האָט זיך ווידער ווי שטענדיג שרעקליך צעוויינט צוליעב דעם וואָס זי האָט איהר פאָטער נישט געפונען, האָט דער אַלטער באַנדראַנאָח געזאָגט:

איך האָב נאָך אײן עצה. איך וועל זיך בעמיהען בײַ די פערוואַלטונגען פון די גרויסע שפּיטעלער אז זיי זאָלען אונז ארויסגעבען א ערלויבניש ארומצוגעהן איבער די שפּיטעלער און צו זעהען אַלע קראַנקע, מעגליך וועסטו צווישען זיי דערקענען דעם פאָטער.

חנה'לע האָט זיך אין דעם פּלאַן אָנגעכאַפּט, זי האָט דעם אַלטען באַנדראַנאָח געקושט די הענד, און געבעטען ער זאָל זיי די נויטיגע ערלויבנישען פערשאַפען, און ווירקליך האָט דאָס באַנדראַנאָח באַלד געטהון און אויף צומאָרגענס זענען חנה'לע מיט באַנדראַנאָח'ן אַוועק מיט די געהעריגע ערלויבנישען אין גרעסטען קיעווער שפּיטאַל.

דער פערוואַלטער האָט זיי ארומגעפיהרט איבער אַלע צימערן, און חנה'לע מיט באַנדראַנאָח'ן האָבען יעדען קראַנקען גענוי בעטראַכט, ווײַל פיעל פון די קראַנקע זענען געווען שרעקליך אויפגעשוואָלען און פערקריפּעלט, איבערהויפּט אין דער שפּיטאַל-קלײדונג, אז ס'איז זיי אונמעגליך געווען צו דערקענען און זיי האָבען אין דעם שפּיטאַל אַזוי געהאַנדעלט ביז זיי זענען מיד געוואָרען, און זענען געגאַנגען אַהײם זיך אָבצורוהען, כדי נאָכמיטאָג ווידער צו קומען.

נאָך מיטאָג האָבען זיי ווײַטער פאָרטגעזעצט זייער אַרבײַט אָבער אָהן ערפאָלג, זיי האָבען יעדען קראַנקען אויסגעפאָרשט פון וואַנען ער איז און ווי ער רופט זיך, און אַלץ האָבען זיי זילבערשטײַנען נישט געפונען.

זיי האָבען שוין געוואָלט אַוועקגעהן, אָבער דער פערוואַלטער האָט זיי געזאָגט אז ס'איז דאָ אויפ'ן הויף א אָבטײלונג פאַר ספּעציעלע געפעהרליכע קראַנקע און אויב זיי ווילען וועט ער זיי פיהרען אַהין.

זיי זענען אַוועק אין דער דאָזיגער אָבטײלונג, און מען האָט דאָרט ווירקליך געדאַרפט האָבען א שטײַנערן האַרץ זיך צו קענען צוקוקען ווי אַזוי די דאָזיגע קראַנקע האָבען זיך געראַנגעלט מיט'ן טויט, אָבער דאָ האָט זיך חנה'לע פלוצים אָנגעשטעלט ביי אײן בעטיל, זיך טיף אײַנגעקוקט אין דעם קראַנקען, און אַרויסגעלאָזט א שרעקליך געשריי.

באַנדראַנאָח איז צוגעלאָפען, זי געכאַפּט אין זײַנע אָרעמס אז זי זאָל נישט אומפאַלען, און אָנגעקוקענדיג דעם געפעהרליכען קראַנקען האָט ער געזאָגט צו איהר: דו האָסט א טעות, דאָס איז נישט ער.

חנה'לע איז דערווײַל צו זיך געקומען, און האָט אויסגעשריגען וויינענדיג:

דאָס איז ער מײַן טײַערער פאָטער, איך דערקען איהם אין די געזיכטס-צײַכען, און דאָס האַרץ זאָגט מיר אויך אז ער איז דאָס.

דער קראַנקער איז געלעגען אויפ'ן בעטיל מיט שטאַרע אויגען אין א בעוואוסטלאָזען צושטאַנד, ער האָט נישט געזעהען און נישט פערשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר, אויף חנה'לעס געשרײַ איז צוגעקומען דער דאָקטאָר וועלכער האָט זיך ערקלערט אז דער קראַנקער האַלט בײַם אָבשטאַרבען און מען טאָר איהם נישט בעאונרוהיגען.

דער דאָקטאָר האָט דעם קראַנקען געגעבען עטליכע טראָפּען פון וואָס ער האָט געעפענט די אויגען און זיך ארומגעקוקט, און באַנדראַנאָח האָט אויסגענוצט דעם אויגענבליק איהם צו פרעגען ווי ער הייסט.

פ—נ—ח—ס זיל—בער—שטײַן

האָט דער קראַנקער אויסגעשטאַמעלט.

טאַטע! . . . . האָט חנה'לע אויסגעשריגען.

אָבער דער קראַנקער האָט זיך א דרעה געטהון, און פערמאַכט זײַנע אויגען אויף שטענדיג...

דער אַנוועזענדער דאָקטאָר האָט פעסטגעשטעלט אז ער איז טויט.

חנה'לע איז געפאַלען אין חלשות, און דער דאָקטאָר האָט זי דערמונטערט און קוים קוים האָט עס באַנדראַנאָח'ן געלונגען זי אַוועקצורײַסען פון'ם טויטען קערפּער פון איהר פאָטער און זי אַוועקצופיהרען אַהײם.

דער אַלטער באַנדראַנאָח האָט אויף זיך גענומען אויסצוהאַלטען די קבורה פון זילבערשטײַנען, ער איז מיט חנה'לען אַוועק צום ראַבינאַט, און צו דער חברה-קדישא, ער האָט בעצאָהלט פאַר אַלעם, אז מען זאָל פאַר זילבערשטײַנען אײַנאָרדנען א לויה לויט'ן יודישען דין.

אויפ'ן דריטען טאָג איז פאָרגעקומען די לויה פון פנחס זילבערשטײַן אין וועלכער ס'האָבען זיך בעטײליגט פיעל קיעווער יודען. אויך צוליעב באַנדראַנאָח'ן זענען אַסך קריסטען אויך נאָכגעגאַנגען נאָך דער לויה, און אין איהרע שרעקליכע צרות האָט חנה'לע געפונען א טרייסט אין דעם ווי זי האָט געפונען איהר פאָטער. גראָד אין דער לעצטער מינוט פון זײַן לעבען און איהם געבראַכט צו קבר ישראל.

.14

צוויי וואָכען איז חנה'לע געזעסען שרעקליך פערטרויערט נאָך דעם טרויערישען טויט פון איהר פאָטער, וועלכער איז נאָך געווען דער אײנציגער מענטש זי האָט געהאַט אויף דער וועלט, איצט איז זי געבליבען אײנזאַם אין דער גרויסער פרעמדער שטאָדט, אין א קריסטליך אריסטאָקראַטיש הויז, נישט וויסענדיג וואָס ווייטער צו טהון, און וואוהין צו געהן.

זי האָט געוואוסט אז באַנדראַנאָח ליעבט זי מיט'ן גאַנצען האַרץ, אָבער זי איז דאָך א יודישע טאָכטער, און ווי אַזוי קען זי דאָס טהון? זי איז פשוט פערצווײַפעלט געוואָרען, און איז אין פיעל מאָמענטען גרייט געווען זיך דאָס לעבען צו נעמען.

באַנדראַנאָח האָט איצט אָנגעהויבען ערנסט טראַכטען וועגען זײַן צוקונפט מיט חנה'לען, ער האָט געוואוסט אז זי וועט שוין נישט וועלען לענגער בלײַבען אין זייער הויז, נאָכדעם ווי זי דאַרף איהר פאָטער מעהר נישט צו זוכען, ער האָט געקענט איהר פעסטען כאַראַקטער אז זי וועט זיך אַזוי לײַכט נישט בעשליסען אויף אַזאַ שריט מיט איהם מיט א קריסט חתונה צו האָבען.

באַנדראַנאָח האָט אויך געוואוסט אז ער וועט האָבען א שווערען קאַמף צו פיהרען מיט זײַנע עלטערן, ביז זיי וועלען אײַנשטימען אז ער זאָל חתונה האָבען מיט א יודיש קינד, טראָץ דעם וואָס זיי האָבען חנה'לען זעהר ליעב, און אויב זיי וועלען צו דעם אײַנשטימען, וועט דאָס זיין נאָר מיט'ן בעדינג אז חנה'לע זאָל זיך שמד'ן, און עס איז א זעהר גרויסע פראַגע אויב זי וועט זיך צו דעם רעזיגנירען.

ער האָט דאַריבער אָנגעהויבען ענערגיש וועגען דעם צו טהון, ער האָט פערבינדען א ערנסטען שמועס פריהער מיט זײַן מוטער, און דערנאָך מיט זײַן פאָטער, די דאָזיגע שמועסען זענען פאָרגעקומען שפּעט אין אָוונד ווען חנה'לע איז אין איהר צימער געשלאָפען. די עלטערן האָבען זיך אָנפאַנגס זעהר אַקעגענגעשטעלט, אָבער נאָכדעם ווי ער האָט זיי ערקלערט אז אין חנה'לען הענגט אָב זײַן גאַנץ לעבען, און זי איז אַזאַ גוטע אײדעלע און עהרליכע, האָבען זיי מיט איהם אײַנגעשטימט, אָבער נאָר מיט'ן בעדינג אז זי זאָל זיך אָפיציעל שמד'ן און אָננעמען דעם פּראַוואָסלאַווישען גלויבען.

באַנדראַנאָח איז געווען צופרידען וואָס ער איז פערטיג מיט אײן צרה, און ער האָט זיך איצט גענומען מיט חנה'לען צו רעדען פערשיעדענע דבורים, זײַן מוטער האָט איהם אויך צוגעזאָגט מיט איהר צו רעדען און ביי איהר צו פועל'ן, דאָס איז זיי אָבער נישט לײַכט אָנגעקומען, און ווי נאָר זי האָט געהערט וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך, האָט זי געוואָלט פערלאָזען זייער הויז, און קוים מען האָט זי צוריקגעהאַלטען, אָבער די שמועסען האָבען זיך אָפטער איבערגעהאָלט, און חנה'לע האָט זיך שוין אָנגעהויבען צוגעוועהנען צום געדאַנק, און ס'וואָלט געוויס נישט אַנדערש געווען ווען נישט דאָס, וואָס דורך א צופאַל האָט חנה'לע ערפאַהרען אז איהר מאַן לעבט, און דאָס האָט די זאַך אינגאַנצען געענדערט.

(פאָרטז. קומט).

דאס פאָלק לעבט, בלויז די „פערזאָרגערס" טויגן נישט.

עטוואס בעריכטען האָב איך נאר וואס געלײַענט און כ'האָב זיך ווענען זײַ פערטראכט.

פון ערשטען בין איך געוואויר געוואָרען, אז די בעוואוסטע בעראָן-הירש פונדאציע, וועלכע האָט אמאָל אין גאליציען און אין בוקאָווינא אויסגעהאלטען פון איהר גרויסען קאפיטאל (12 מיליאָן גאָלד-קראָן) א גאנצע רײַהע פון פאָלקס - שולען פאר יודישע קינדער — פערמאָגט הײַנט קוים 210 טויזענד גאָלד-קראָן, חוץ עטליכע האלב צובראָכענע און אײַנגעפאלענע שול-בנינים; ווי אזוי די חינוך „איזראעליטישע" הערן קוראטאָרען האָבען חרוב געמאכט דעם ריזיגען פערמעגען, וועלכען דער גרויסער יודישער נדבן האָט זײַ איבערגעלאָזט צו פערוואלטען און וואס האָט געהערט צום יודישען פאָלק — דאס אלץ איז שוין הײַנט גוט בעקאנט דער יודישער עפענטליכקײַט.

שווערע מיליאָנען פון דער פונדאציע זענען נאך אין די נאָך - מלחמה יאָהרען געלעגען און חיוען אין פערשוידענע אקציעס און ווערט - פאפירען, וועלכע ס'האָט פערפאלט'ס צו די נידרונגסטע פרײַזען, און די אלע מיני נער יודישע באנקירען, פאבריקאנטען, און ביזנעס-מאגנאטען, וואס פערשטעהען אזוי גוט צו פיהרען זײַערע אײַגענע געשעפטען, האָבען זיך נישט געגעבען די מינדעסטע מוח צו ראַטעווען כאָטש א טײל פון'ם יודישען פאָלקס-פערמעגען, וואס א גרויס-הארציגער פילאנטראָפ האָט איבערגעלאָזען און זײַער רשות און וועלכען זײַ האָבען איצט אונז איבערגעלאָזט קוים א זעכציגסטעל טײל.

איצט איז דער בעראָן-הירש - פאָנד איבער אין רשות פון דער פוילישער רעגירונג. אָבער די דורך איהר בעשטימטע נײַע קאָמיטעט - מיטגלידער זענען אויך די זעלבע „אויבערשטע פון שטייסעל", וועלכע שטעהן אינגאנצען אין א ווײַט פון יודישען לעבען, יודישען שול-וועזען און יודישער ערציהונג; אויך די נײַע „שענע יודען" וועלכע זענען געשטעלט געוואָרען בראָש פון פאָנד זענען בלויז פוסטע דעקאָראציעס.

* * *

אין צווייטען בעריכט וואָס ליגט אויף מײַן טיש זעה איך לעבען, חורקלופקײַט.

צום פערבאנד פון יודישע קאָאָפעראטיוען אין פוילען — לײַען איך — געהערען הײַנט 389 קאָאָפעראטיוען, פון וועלכע 337 קאָאָפעראטיוען האָבען ארומגענומען העכער 126 טויזענד מיטגלידער. דעם 1-טען אפריל 1926 האָבען די 256 קאָאָפעראטיוען, וואס האבען דאמאלס געהערט צום פערבאנד געהאט אַן אײַגענעם קאפיטאל פון העכער 2 מיליאָן זלאָטיס; דעם 1-טען אפריל 1927 האָבען די 337 יודישע קאָאָפעראטיוען געהאט העכער 4 מיליאָן אײַגענעם קאפיטאל; אין יאהר 1926 האבען זײַ געהאט דעפאזיטען און לויפענדע חשבונות איבער דרײַ און א האלבען מיליאָן, אין 1927 שוין בטלר 12 און א האלב מיליאָן זלאָטע, אין יאהר 1926 האָבען זײַ פערטײַלט קנאפע 7 און א האלבען מיליאָן קרעדיטען און צום 1 אפריל 1927 האָבען די יודישע קאָאָפעראטיוען שוין געקענט פערטײַלען 25 מיליאָן זלאָטים קרעדיט צווישען זײַערע מיטגלידער.

בראש פון דער יודישער קאָאָפעראטיוען-בעוועגונג שטעהן אָבער נישט קײַן „פני". נישט קײַן „פערזאָרגערס" און נישט קײַן שעהנע יודען.

בעלי - מלאכות און קלײַנהענדלער האָבען געגרינדעט אַט די קאָאָפעראטיוען און פיהרען איצט דעם פערבאנד מיט דער הילף פון עטליכע מענשען פון גוטען ווילען און פאך-קענטעניששען.

אמת דער אמעריקאנער „דזשאינט" האט זײַ געהאָלפען; די דאזיגע הילף שטעהט אָבער הײַנט שוין בלויז אין א שוואכער פערהעלטניש דערצו, וואס די ברײַטע פאָלקס-קרײַזען האָבען אלײַן געשאפען און געגעבען פאר זײַער קאָאָפעראטיוען-בעוועגונג. קײַן געלד איז נישט פערלוירען געגאנגען, דער פערבאנד בליהט און ווערט אלץ א וויכטיגערער פאקטאָר אינ'ם געזעלשאפטליכען לעבען פון פוילישען יודענטום.

איך ווײס, איך ווײס... די יונגע יודישע קאָאָפעראטיוען - בעוועגונג האט נאך איהרע גרויסע פעהלערען און ס'איז דאָ אסך בײַ איהר צו קריטיקירען; 25 מיליאָן קרעדיט האט זי אָבער פערטײַלט; אפילו פון דער „באנק פאָלסקי" און פ. ק. א. האָט זי פערשטאנען צו בעקומען 5 מיליאָן קרעדיט, די אָרגאניזאציע איז א שטארקע און מ'גיט אכטונג דערויף, אז די קאָאָפעראטיוען זאָלען זײַן אמת'ע פאָלקס-בענק און נישט קײַן אויסנוצערישע שפעקולאציע-אינסטיטוציעס; און בײַטערן קאמף. וועלכען דער יודישער בעל מלאכה און קלײַנהענדלער האט הײַנט אין פוילען צו פיהרען פאר זײַן עקזיסטענץ, ווערט די קאָאָפעראטיווע זעלבסטהילף אלץ א גרעסערע מאכט. אין די 15 וואָיעוואָדזשטוועס וואו עס עקזיסטירען יודישע קאָאָפעראטיווע קרעדיט-אָרגאניזאציעס, זענען אין זײַ אָרגאניזירט איבער 22 פראצענט פון דער יודישער בעפעלקערונג.

ווײַל נישט קײַן „שעהנע יודען" און נישט קײַן אפיטרופסים, נישט קײַן פערזאָרגערס און נישט קײַן רעגירערס, נאר יודען, פשוט'ע יודען פונ'ם פאָלק פיהרען די קאָאָפעראטיווע בעוועגונג פאר זיך אלײַן, דורך זיך אלײַן.

ווײַל דאס פאָלק ארבײַט און לעבט; טויט, פויל, פערפוילט און אָבגעשטאַנען זענען בלויז די מזרח-פאנר-יודען; ברענגען זײַ טאקי ארײַן אָבגעשטאַנענקײַט, פוילעניש און טויט אומעטום, וואו מ'לאָזט זײַ נאר פיהרען און רעגירען.

דעפ. משה פראָסטיג.

צום נײַעם שול־יאָהר!

מיר האָבען שוין כמעט אזא יעהרליכע טראדיציע, יעדעם יאָהר פאר'ן אָנהויב פון נײַעם שול-יאָהר, צו שרײַבען עטליכע ווערטער ווענען די היגע יודישע געזעלשאפטליכע גימנאזיעס.

מיר האַלטען דאס פאר אונזער אויפגאבע דאמאָלס אין „סעזאָן" אויפמערקזאם צו מאכען די יודישע עלטערן ווענען זײַער חיוב צו אונטערשטיצען ווענינגסטענס, צו פאָרזירען דעם דאזיגען יודיש - געזעלשאפטליכען לעהר-אנשטאלט אין אונזער שטאָדט, וועלכער קאן זײַ אין יעדער הינזיכט צופרידענשטעלען, ווײַל ער שטעהט אויף דער געהעריגער הויך פון זײַן ערציהערישער אויפגאבע.

עס איז דאכט זיך גאנץ איבריג צו ווידערהאָלען און צו בעטאָנען דעם גרויסען נוצען און די וויכטיגע אויפגאבע וואס די יודישע גימנאזיעס האָבען פאר דער נאציאָנאל - יודישער ערציהונג פון אונזער יונגען דור, מיר מײַנען אז דאס לערנען פון א קינד אין גימנאזיום איז איצט נישט אזוי ווי אמאָל קײַן לוקסוס פון וועלכען עס האָבען זיך נאר בענוצט יחידים פון די העכערע שיכטען, נאר הײַנט איז דאס א פאָלקס-זאך, א נויטווענדיגקײַט פאר יעדען מענש, ווײַל א מענש אָהן מיטעל-בילדונג, קען בײַ די הײַנטיגע בעדינגונגען נישט געפונען זיך קײַן אָרט, און קען זיך נישט פערזיכערן קײַן עקזיסטענץ אויף וועלכען געביעט אין לעבען עס זאל נישט זײַן.

א גימנאזיום אין דער הײַנטיגער צײַט איז נישט בלויז קײַן בילדונגס-אנשטאלט נאר גלײַכצײַטיג א פאך-שולע, ווײַל דער יונגערמאן אָדער דאָס פרײַלײַן וואס ענדיגט א מיטעל-שולע איז פעהיג מיט דער ערהאַלטענער בילדונג זיך צו פערדינגען אויף א שטיקעל ברויט, ווען אפילו ער זאל נישט געהן ווײַטער שטודירען אין אוניווערזיטעט און ענדיגען א וועלכען ס'איז פאקולטעט, און דאריבער איז איצט דאס גימנאזיום א פאָלקס-זאך, א אנשטאלט וואס נוצט פאר'ן גאנצען פאָלק, פאר די ברײַטע פאָלקס - מאסען.

און אויב ס'איז פערהאנען א גימנאזיום וואס איז נישט קײַן אײַגענטום פון א וועלכען ס'איז יחיד, וואס איז נישט געשאפען געוואָרען אז עס זאל ווער דערפון ציהען חיונה, נאר מען האט דאס געגרינדעט אלס א געזעלשאפטליכען אנשטאלט וואס זאל דינען דער געזעלשאפט און איהר ברענגען ניצען, איז דאך נישט קײַן צווײַפעל אז די געזעלשאפט דארף דאָס פערשטעהן, און דארף די גרינגער און בעסער געבען די מאראלישע אונטערשטיצונג, און גלײַכצײַטיג מיטהעלפען אז די דאזיגע גימנאזיעס זאלען האָבען די מעגליכקײַטען צו עקזיסטירען, און זיך וואס אמאָל בעסער צו ענטוויקלען.

די היגע יודישע געזעלשאפטליכע גימנאזיעס. וועלכע האָבען ערשט נישט לאנג געפײַערט דעם צעהן יעהריגען יובילעאום פון זײַער עקזיסטענץ זענען דער היגער יודישער געזעלשאפט גענוג בעקאנט, און זײַ בענעטיגען זיך נישט אין קײַן רעקלאמע, ווײַל די גרויסע צאהל שילער וואס האָבען אין משך פון צעהן יאהר געענדיגט די שולען מיט דער בעסטער אויסצייכנונג, פון וועלכע פיעל זענען אצינד אין די אינלענדישע און אויסלענדישע אוניווערזיטעטען, און האָבען געענדיגט זײַער סטודיום מיט דעם בעסטען ערפאָלג, זײַ זענען, פאר די דאזיגע שולע די בעסטע רעקלאמע, און זײַ בעווײַזען אונז אז די שולען שטעהען אויף דער געהעריגער מדרגה, און ערפילען זײַערע אויפגאבען.

אזוי דיקטירט אונז דוכט זיך דער לאָגישער פערשטאנד, אזוי שרײַבט אונז פאר דער מענשליכער שכל הישר, אז מענשען מיט געוויסען, מיט עטוואס חירדע פאר זייערע אײַגענע אנשטאלטען, דארפען אויף זיך פיהלען דעם געזעלשאפטליכען חוב מיטצוהעלפען צום עקזיסטענץ פון די דאָזיגע שולען אין אלע הינזיכטען אפילו ווען עס זאל האלטען בײַם ברענגען וועלכע ס'איז קרבנות צו דעם צוועק.

אָבער מערקווירדיג: נישט קײַן קרבנות פאָדערט זיך, נישט קײַן וועלכע ס'איז בעזונדערע פריווילעגיעס פערלאנגען די דאזיגע געזעלשאפטליכע שולען, נאר פאָרצוג ווילען זײַ, זײַ ווילען בעפאָרצוגט ווערען געגען אנדערע פריוואטע שולען וואס זענען ווי געזאגט געשאפען געוואָרען צוליעב פראָפיט, און אויך דאס גיט מען זײַ נישט אין דער געהעריגער מאס, אויך דאמיט טהוט מען זײַ נישט ווי געהעריג צופרידענשטעלען.

און דאס איז ווײַט נישט רעכט, די דאזיגע געזעלשאפטליכע שולען וואס שטעהען געוויס נישט נידריגער פון מעגליך פיעל העכער ווי די פריוואטע, דארפען אָהן ספק בעקומען דעם פאָרצוג, זײַ דארפען דורך דער יודישער געזעלשאפט אונטערשטיצט ווערען.

מען דארף בעזונדער נעמען אין בעטראכט „דעם וואס אין די דאזיגע שולען לערנען ביז 25 פראצענט שילער און שילערינס פון אונפערמעגליכע יודישע עלטערן, וועלכע בעקומען דאָרט געוויסע הנחות און א בעדײַטענדע צאהל ווערט אויך איינגאנצען בעפרײַט פון צאהלען, און דאס קען אדורכגעפיהרט ווערען נאר דאן ווען אין אלע קלאסען זאל זיך געפונען די גענוגענדע צאהל שילער וואס צאהלען דעם פולען שכר לימוד, דאמאלס וועלען אויך די אונבעמיטעלטע קענען לערנען געניסענדיג פון די הנחות.

אזוי ארום קומט אויס אז די שילער וואס לערנען אין די דאזיגע געזעלשאפטליכע שולען גיבען אָהן יעדע בעזונדערע לאסט די מעגליכקײַט, אז אויך די ארומע זאלען קענען געניסען פון די למודים, און ווי ווײַט עס איז נויטיג אז די ארימערע יודישע קלאס זאל אויך קענען געניסען פון דער בילדונג איז דאכט זיך איבריג צו בעטאָנען.

די היגע יודישע עלטערן וואס געהן איצט צום נײַעם שול-יאָהר אָבגעבען זײַערע קינדער אין א מיטעל - שולע דארפען דורכאויס נעמען אין אכט דאס וואס מיר האָבען דאָ בעטאָנט, זײַ דארפען קודם כל געדענקען און זײַער חוב צו אונטערשטיצען די געזעלשאפטליכע שולען וואס איז דאס אײַגענטום פון דער געזעלשאפט, און וואס זיך שוין גענוג קונה שם געווען מיט דעם אויסגעצייכענטען אדורכפיהרען זייערע אויפגאבען אזוי אין די וועלטליכע ווי אין די נאציאָנאל-יודישע למודים, און דאבײַ דארפען זײַ געדענקען און נישט פערגעסען און דעם ארימען ברודער, און דעם אונבעמיטעלטען שילער אָדער שילערין וועלכע מוזען אויך בעקומען די מעגליכקײַט זיך צו לערנען, און דאס וועלען זײַ טהוען, ווען זײַ וועלען שיקען זײַערע קינדער אין די יודישע געזעלשאפטליכע גימנאזיעס. וועלכע זענען געשאפען פאר דער גאנצער יודישער געזעלשאפט.

וואס געהערט, וואס געזעהן.

רבותי, כ'מוז אײַך זאגען דעם אמת, אז אויב וואס הײַנטיגע מאָל וועלען מײַנע קאפיטלעך פון „געהערט און געזעהן" נישט זײַן גענוג אינטערעסאנט, — איז דאס דערפאר, ווײַל ס'איז הײַנט דער אוגערקע - סעזאָן, און וואו מען געהט און וואו מען שטעהט הערט מען נאר ווענען אוגערקעס. דער סאַמע שלאָגער, די זקנים פון סענאט רוהען זיך אָב, די שולען האָבען וואקאציעס, קײַן תנאים'ס און חתונות קומען נישט פאר צוליעב די דרײַ וואָכען און אויך צוליעב'ן דוחק אין דירות, אזוי אז מען האלט אין אײַן געניצען, אפילו און דער הײם שפײַזט מיך מײַן פרוי מיט'ן אוגערקע-מאכל, אוגערקעס מיט סמעטענע און אוגערקעס מיט עסיג. הקיצור אוגערקעס און אוגערקעס, וואס דארפט איהר מעהר, אז אפילו די נײַע מאָדערנע כעזשאנאָווע מאָדע פון זעלבסטמאָרדען, וואס איז הײַנט א מאָנמענליך טראָפיקעל איז אויך הײַנט שוואכער צוליעב דעם אוגערקע-סעזאָן, אָבער שרײַבען מוז מען און אָט הויב איך אָן:

„יא יעטסטעס אריסטאָקראַטקאָן".

איהר זאלט האָבען א כלל, אז מעגט איהר האָבען וויפיעל געלד די וועלט פערמאָגט, מעגט איהר ענדיגען א אוניווערזיטעט מיט 7 דיפלאָמען, מעגט איהר זײַן געבילדעט און אינטעליגענט ביז סכנת נפשות, קוים זענט איהר נישט קײַן געבוירענער אריסטאָקראט פון פלײש און בלוט, פון דור - דורות וועט אײַך גארנישט העלפען, וועט מען עס אין אײַך בטלר דערקענען, איך האָב זיך דאס איבערצײַגט אלײַן מיט מײַנע אײַגענע אויגען.

און אספראָח איז דאָ א קינדער-קאָלאָניע, וועלכע עס פיהרען 2 לעהרערינ'ס מיט גוטע קוואליפיקאציע און זענען זעהר איבערגעגעבען דער ארבײַט. איז אָבער די צרה, וואס זײַ זענען נישט קײַן געבוירענע אריסטאָקראטקעס און דאס מאכט קאליע דעם גאנצען עסק.

פון וואנען איך קען זיך אויף דעם, פרעגט איהר? זאָ ענטשולדיגט, נישט איך האָב ארויסגעגעבען דעם אטעסטאט נאר טאקע א אמת'ע „אריסטאָקראטקע", וועלכע קאן זיך אויף די דאזיגע זאכען און דאס איז די מאדאם ר., וועלכע איז דאָרט די הויפט-אויפזעהערין און שטאמט, ווי זי אלײַן זאָגט פון די סאמע אמת'ע „שמיעטאנקעלע אריסטאָקראציע" פון דור דורות און זי ווײַזט עס טאקע ארויס אויף שריט און טריט. זי דערמאָנט עס די לעהרערינס בײַ יעדער געלעגענהײַט, אז זײַ זאלען וויסען זײַער אָרט, אז זײַ שטאמען פון דער גארנצארפסא נאס, אז זײַ קאנען זיך בעגנינענען מיט א טרוקען שטיקעל ברויט און דאס אויך נישט צופיעל און האלבע אײַער, מאָרום זײַ קענען זיך נאך חס-ושלום זײַערע פרטסטע מאגענ'ס פערדארבען...

די לעהרערינס בעקלאָגען זיך טאקע אז זײַ זענען נישט קײַן „ראָזינקעס", אז זײַ האָבען געענדיגט א שולע, אז זײַ האָבען זיך שוין אויסגעלערנט די אריסטאקראטישע מאניערען. עס העלפט אָבער אלץ נישט, ווײַל, ווײַל מען מוז האָבען אײַנגעבוירענע, אײַנגעוואָרצעלטען אריסטאָקראטיזם.

דער וואָרשטשאָווער שוחט האַלט פאַסאָן.

איהר ווײַסט דאך אז הײַנט בעוונותינו הרבים זענען יודען נישט אזוי אָנגעהיטען אין אלע דינים און מנהגים און ערלויבען זיך ארויסצוגעהן לפנים משורת הדין, דאָס הײַסט מותר זײַן א'יף דעם וואס איז א אָנגענומענע זאך, ווי צ. ב. ש. די 9 טעג, ווײַסט איהר אז מען טאָר קײַן פלײש נישט עסען, וואס טהוען אָבער אונזערע יודעלעך, גיט מען זיך אַן עצה און מען מאכט א סיום, און מען עסט פלײש, נעהמט מען אויף א סעודת-מצוה און מען עסט פלײש, געהט מען צו א דאָקטאָר און ער ערקלערט אז מען איז שוואך און מען געפונט א היתר אויף צו עסען פלײש, נישט בחנם זאָגען מיר יודען א נ'אתה בחרתנו, אז מיר זאלען זיך נישט קאנען קײַן עצה געבען, פולא דאס איז אלץ גוט און דער גרויסער שטאָדט וואו מען קען דעם עולם נישט האלטען אין די צוים, אָבער אויף דער פראווינץ קען מען זיך דאס נישט אײַנרעדען.

אָט וועל איך אײַך ברענגען א ראיה לדברי, אין ק. ק. מלאָטשעוועץ האָבען קצבים געבראכט א בהמה צום שעכטען, זאגט דער שוחט, אז שחט'ן יאָ, דאס וועט ער, אָבער בדק'נען לא, אין די נײַן טעג וועט ער נישט בדקנען כדי עס זאל נישט ארויסקומען קײַן מכשול און יודען זאלען נישט געשטרויכעלט ווערען חס ושלום מיט קײַן פלײש עסען.

די קצבים מאכען א געשרײ היתכן? מעגליך אז ס'זענען דאָ שוואכע מענשען אין שטאָדט א קינדבעטערין וכדומה, דער שוחט האלט זיך אָבער בײַ דאס זײַניגע, ער וועט נישט בדקנ'ען און ער האט טאקי נישט—געבדקנ'ט, מען קאן נישט זאָגען: ער האלט פאסאָן.

ברוך הבא, די האלבע קאָלאָניע פון „טאָז" איז ווידער דאָ.

כ'קאן אײַך אָנזאָגען א גוטע בשורה אז נישט קוקענדיג אויף דעם וואָס בײַזע צײַנגער האָבען ארויסגעלאָזט א קלאנג, אז צוליעב געלד-מאנגעל וועט דער צווײַטער קאמפלעט פון די האלב קאָלאָניעס נישט פערקומען, קאן איך אײַך מבשר זײַן די בשורה אז די קאָלאָניע האט זיך געעפענט און מיט גרויס פאמפע, פון וואנען זײַ נעמען געלד? זאָל איך אזוי וויסען פון בײַז, נאר א פאקט איז, אז אין דער האלבע קאָלאָניע פון טאָז איז דאָ ביז הונדערט פרישע קלײַנע ארומע יודישע קינדערלעך, וועלכע וועלען געניסען פון די פרײַער לופט און האָבען עסען צו דער זאט א גאנצען חודש, עס איז נאר כדאי אויפמערקזאם צו מאכען אז דאס מאָל האט מען ארײַנגענומען קלײַנע קינדער וועלכע דארפען נאך האָבען ניאנקעס, אָבער ווײַטער איז אלץ אין אָרדנונג. און א שבח מוז מען זאָגען דער פרוי ד"ר ליפינסקא, וועלכע איז דער זאך זעהר איבערגעגעבען.

עס איז א פערגעניגען צו קוקען ווי די קלײַנע הײַסע חבריה'ניקעס מאכען גימנאסטיק און לאכען דערבײַ אזוי קינדיש, הארציג, אז עס דערוואַרימט אונזערע פערפרוירענע נשמות.

אויסער דעם גיט דער „טאָז" ארויס פאר עטליכע פערציג קינדער ביז 5 יאָהר, וועלכע מען קען אין דער קאָלאָניע נישט האלטען, יעדען טאָג צו האלבע ליטער מילך, אײַער, קאשע, צוקער און רײַז, עס וואלט נאר געווען א יושר אז די מוטערס וועלכע קומען נאך די פראָדוקטען זאלען עס אָפּגעבען זײַערע קינדער, ענטשולדיגט ליעבע מוטער'ס פאר מײַן אויפמערקזאמקײַט, נאר זאל איך בעסער בלײַבען דער נאר, איידער אײַערע קינדערלעך אָבגענארט...

אלץ איז דארט פאר די קינדער ארויסגעגעבען א אויפרוף מיט 10 פונקטען, ווי אזוי זײַ זאלען זיך האלטען רײַן, עס איז נאר א שאד וואס די מעהרהײַט קינדער וועלכע זענען פון די פאַרשעכנע שולען, קענען נישט לעזען קײַן יודיש, ווײַל מען לערנט זײַ דאָרט דאס נישט, וואס מען עס געהאלט איבערשרײַבען אויף פויליש זענען זײַ אָבער אויך אין דער שפראך נישט בעהאווענט. פערפאלען, וועלען עס שוין מוזען די לעהרערינס מינדליך איבערגעבען די קינדערלעך.

אָבער אז עס זאל נישט זײַן דארף

לערנט אייערע קינדער א פאך!

עס איז, דאכט זיך, שוין איבריג נאכאמאל צו דערמאנען וועגען דעם, דאס מיר דארפען און זיינען האבען אז כדי צו געבען די מעגליכקייט, אז אונזערע קינדער זאלען קאנען לעבען אויף דער וועלט און האבען א ענזיס־טענץ מוז מען זיי לערנען א פאך.

עס זיינען אוועק יענע צייטען, ווען מלאכה איז געווען א בזיון, ווען מען האט זיך פיחם געווען דערמיט וואס אין דער משפחה געפונט זיך נישט קיין שוסטער אדער שניידער וכדומה. היינט איז מלאכה א כבוד, היינט שטאלצירט מען, אז מען לעבט פון יגיע כפו, איבערהויפט אין דער וועצטינער צייט, ווען דאס לעבען האט אנגענומען אנדערע פארמען, ווען מען מוז אבהיטען די עגזיסטענץ בדרך כבוד.

אפשר, אז מיר יודען פערמאגען ש׳ין א היבש ביסעל בעל מלאכות, וועלכע א־ביי׳טען כדי צו פערדינען אויף א שטיקעל ברויט. מען מוז אבער זאגען דעם אפשר, אז דאס רוב פאכמענער האבען נישט די נעהעריגע אויסביל־דונג, אז זיי פעהלט די פאך־בילדונג, זיי האבען זיך אויסגעלערנט דאס פאך ביי אזאלכע, וועלכע האבען נישט די נויטיגע קוואליפיקאציעס און דאס גיט זיי נישט די מעגל כקייט, אז זיי זאלען קאנען קאנקורירען מיט די גוטע פאכ־מענער, וועלכע זענען פערהאן ביי די אימות העולם, דאס נעמט זיך דער־פון, וויל מיר האבען נישט געהאט קיין שולען, וועלכע זאלען זיך פערנע־מען דערמיט. די לעצטע יאהרען אבער ווען דאס יודישע לעבען האט אנגענו־מען אנדערע פארמען, ווען די שטרע־בונג פון יודען איז געווארען גרונדליך אויסצולערנען זיך פערשידענע האנד־ווערק, זענען געשאפען געווארען האנ־דווערקער־שולען וואס גיבען גלייכצייַ־טיג א וועלטליכע בילדונג און גרונד־ליך אויסלערנען דאס פאך.

אזא האנדווערקער שולע איז ווי בע־שטעהט אויך פעריאן אין טשענסטא־כאווע, אויף די גארנצארסקא גאס גע־פונט זיך די דאזיגע געבוידע, דארט ווערען געלערנט: 1) סטאלעריי, 2) שלאסעריי, 3) עלעקטראטעכניק און די שילער בעקומען גלייכצייטיג אויך א 6 קלאסיגע גימנאזיאלע אויסביל־דונג.

די יודישע קינדער וועלכע ענדיגען די שולע קאנען דרייסט ארויסגעהן אין דער וועלט מיט די זיכערקייט אז זיי וועלען זיין געזונדע מענשען מיט א געזונדען גוף און א געזונדע נשמה, פאר זיי עפענט זיך אויף די וועלט, זיי קאנען אויסנוצען דאס לעבען, זיי זענען די פראקטישע בויער פון לעבען דען זיי בעזיצען מיטעלע בילדונג, גלייכצייטיג מיט פאך־קענטניס.

פאר מיר ליגען ציפערען פון די לעצטע 4 יאהר, וואו עס האפען גע־ענדיגט איבער 76 שילער פון וועל־כע 80 פראצענט ארבייטען אויף פאסטענס, 10 פראצענט זענען אוועק־געפאהרען קיין אויסלאנד ווייטער שטו־דירען, און גאר 5 פראצענט זענען געווארען סוחרים, דאס בעווייזט אונז אז די שולע איז די פארברייטונג צום לעבען, און דאס איז א דערפרייענדע ערשיינונג וועלכע דארף בעגריסט ווע־רען פון די אלע וועלכע ווילען זעהען דאס יודישע לעבען אלס א פראדוק־טיוועס, אז ביי אונז זאלען אויפהערען די לעדיג־געהער און די בטלנים זאלען פערשווינדען פון יודישען לעבען, אז אנשטאט זיי זאל אויסוואק־סען א געזונדער יודישער דור, א גע־זונדע יודישע נאציע, וועלכע זאל זיין פעהיג אויסצונוצען דאס לעבען, און דאס קען נאר זיין דאמאלס ווען מיר וועלען לייגען אויף דעם אכט ווען מיר וועלען יונגע קינדער אריינגעבען אין דער האנדווערקער־שולע, ווען מיר וועלען זיי אויסלערנען א פאך.

לייַדער מוזען מיר קאנסטאטירען אז דאס פערשטענדניס פון אונזערע עלטערן איז נאך נישט אויף איהר גע־העריגער הויה. נאך נישט אלע פער־שטעהען די גרויסע אויפגאבע וואס זיי זענען מחויב צו טהון פאר זייערע קינדער, פיעל גיבען צו פערשטעהן אז די ארימע עלטערן קאנען זיך נישט ערלויבען וועקצוגעבען זייערע קינ־דער זיך אויסצולערנען א פאך נאר שיקען זיי בעסער אין א פאבריק ארבייטען וואו ער זאל פערדינען א פאר גילדען, דאס איז אבער פאלש פון גרונד אויס, ווייל מען דארף זיך אנ־שטרענגען ווייל מען קאן און מ׳זען דאס קינד פאר א זעלבסשטענדיגען מענש מיט א זיכערע עקזיסטענץ.

דאגע ווערט אין דער שולע פון ארי־מע קיין שום אבצאהל נישט גענו־מען, דערפאר אבער ווען ער לערנט זיך אויס דאס פאך ווערט ער א פול־שטענדיגער פאכמאן און לערנט זיך אויס די אונטערנאציאנאלע שפראך מיט וועלכער ער קען פאהרען אין דער גאנצער וועלט אריין, די שולע האט די רעכט פון א פאלאציע צעך.

איבערהויפט די היגע טשענסטאכא־ווער האנדווערקער שולע וועלכע איז אנערקענט אלס איינע פון די בעסטע שולען אין פוילען און די יק״א צאהלט אוים געהויפע אויסצייכנונגען פאר די שילער וועלכע צייכנען זיך אויס מיט זייערע למודים. אזוי האבען הײַ־יאהר 3 שילער בעקומען די סומע פון 350 זלאטעס.

עס איז נאך נישט צו שפעט, עס הויבט זיך אן דאס שול־יאהר, די איינ־שרייבונגען קומען שוין פאר, זאלען די טשענסטאכאווער יודישע עלטערן דאס נעמען אין אכט, זאלען זיי זיי־ערע קינדער פערשרייבען אויף די קורסען אין דער האנדווערקער־שולע זאלען זיי פאר זייערע קינדער שאפען א ערליכע און זיכערע עקזיסטענץ.

ערפילט אייער חוב לגבי אייערע קינדער און שאפט זיי א זיכערע צו־קונפט אויף מארגען.

לערנט אויס אייערע קינדער א פאך!

סעם.

די מאדאנא פון א יודען.

פון אניטא ברענער.

(א מעקסיקאנער לעגענדע).

אין די טעג פון דער שפאנישער ממשלה און דעם „הייליגען" טריבונאל פון דער אינקוויזיציע האט אין דער הויפט־שטאדט פון מעקסיקא געלעבט א יוד. ער איז געווען יונג און שעהן. אבער ער איז געווען פער׳כשופ׳ט. מען פלעגט איהם זעהן וואנדערענדיג או־מעטום, ער פלעגט זיך אפט אפשטע־לען קוקען אויף זאכען, וואס אנדערע האבען נישט געזעהן.

קיינעם איז נישט איינגעפאלען צו פערבינדען די אפטע שפאצירען אין אלע מעגליכע פרעצערם מרקם זאקט, וואס דער יוד איז געווען א מאהלער. ער איז געווען א מאהלער, ער איז געווען א זעהר גוטער מאהלער, א גרויסער קינסטלער, אזוי גרויס, אז ווען די אינקוויזיציע האט איהם ארעס־טירט האט דער עולם געזאגט, אז דערפאר וואס ער איז געווען א הונט־יוד הוט זיך גאט אויף איהם מרחם געווען און איהם אריינגעגעבען די פעהיגקייט צו קענען האלטען א פענ־זעל און צו פערשטעהן פארבען. אפילו מיט א יודען, האט מען געזאגט, קען גאט אמאל האבען מיטלייַד.

אבער הגם גאט האט געהאט רחמנות אויף דעם יודען, האט די אינקוויזיציע זיך מיט דעם נישט גערעכענט, מען האט איהם אריינגעווארפען אין א פינ־סטערען קעלער און דארט איז ער געלעגען ביז עס איז געקומען דער טאג פון זיין משפט. און זיין משפט איז געקומען נאך פיל, פיל חדשים, ביים משפט האט ער נישט געוואלט אפגעבען זיין יודישקייט און די אינ־קוויזיציע האט בעשטימט פאר איהם א גרויזאמען טויט: פערברענט צו ווערען אויפ׳ן שייטערהויפען אין מיטען מארק. איינציגע אנדערע, וועלכע זענען מיט איהם צוזאמען פעראורטיילט געווארען צום טויט, האבען זיך פון דער שטראף גערעטעט, ווען זיי האבען געזאגט, אז זיי האבען חרטה. דער־פאר זענען זייערע נשמות נישט געגאנגען אין גיהנום. אבער דער יונגערמאן האט נישט גע־וואלט חרטה האבען און נישט געוואלט אויפגעבען זיין יודישען גלויבען, און ער איז בעשטימט געווארען פאר׳ן גיהנום.

ער האט געווארט אויפ׳ן טויט אין זיין תפיסה. חור׳ל און דער מלאך חבות איז געקומען שנעלער ווי ער־ווארטעט. ער איז געלעגען אין א שמו־ציגען און נאסען ארט און דאס וואס איגסטערגעגעבען זיין געזונד. דער טויט האט געזאלט פערלאפען דער אינ־קוויזיציע דעם וועג, ווען זיי האבען איהם געבראכט צום משפט האט ער אויסגעזעהן שוין אויסגעמאטערט, טויט בלאַס. די ביינער סטערפשענדיג פון קערפער און די אלטערענדע וואונ־דען, וועלכע זיי האבען איהם פע־אור־זאכט וועהרענד די אפטע מאטערי־שען אויף דער פאלטער־באנק.

די שופטים פון דער אינקוויזיציע האבען מורא געקריגען, אז ער וועט נאך שטארבען איידער מען וועט איהם קענען פערברענען. דער שטארבענדער יוד האט זיי געבעטען איהם געבען א פענזעל מיט פארבען, ער קען נישט פערטראגען דאס זיצען און גארנישט טהון. ער האט נישט אפילו א שטיקעל קויהל, מיט וועלכע צו פיהרען איבער די ווענט.

איינער פון די אינקוויזיטארען מיט שכל האט פערשטאנען, אז דאס מאה־לען איז די איינציגע זאך, וואס האלט נאך דעם יודען ביים לעבען און ער האט איהם בעוויליגט די וואלען. אויף זייער לעצטען פערלאנג, אז ער זאל חרטה האבען אויף זיין יודישקייט און זיך אבשמד׳ן, האט ער אבגעענטפערט מיט א שארפער רעפעקטלווער בע־מערקונג, נישט קוקענדיג אויף דער מתנה פון פענזעל מיט פארבען.

דער יוד האט געמאהלען אין זיין ענגער שמוציגער קאמער׳ל. ער האט געמאהלען אויף דער טיר. דער איינ־ציגער טרוקענער פלאץ אין זיין תפיסה, ער האט געמאהלען ביי טאג און ביינאכט, און קיינער האט נישט געוואוסט פון וואנען ער בעקומט ליכט אין זיינע פינסטערע געפענגעניש און מען האט עס אנגערופען א נס און זיך בע־רוהיגט.

אין דעם פריהמארגען, ווען ער האט געדארפט פערברענט ווערען, זענען געקומען די בעאמטע אין זייערע זיי־דענע קליידער צו נעהמען דעם קערפער פון דעם יודען. זיי האבען איהם גע־פונען ביים שוועל פון דער טהיר, מיט דעם פענזעל צווישען די שמארע פינ־גער און מיט דעם בליק פון משוגעת אויף זיין פנים.

אויף דער טהיר איז געזען אויסגע־מאהלען א מאדאנא. איהרע ליפען גע־קרייזט אין א האלבען שמייכעל, אויף איהר פנים אנ׳אויסדרוק פון רחמים און אין איהרע אויגען די ליבע, וועל־כע זיי האבען שוין לאנג פערגעסען, כאטש זיי האבען דאס אין זייערע תפילות שטענדיג דערמאנט.

זיי האבען דעם יודישען קערפער פערברענט און דאס בילד אויפגעהאנ־גען אין דעם גרויסען קאטעדראל פון מעקסיקא. זי געפונט זיך דארט ביז היינט צו טאג. דורך א דעקרעט האָ־בען זיי בעפרייט די נשמה פון דעם יודען און די מאדאנא וואס ער האט געמאהלען האבען זיי א נאמען געגע־בען „פערגעבונג" — לא ווירכען דעל פערדאן און זיי האבען פערשריבען אין זייערע אנאלען דעם וואונדער, וואס גאט האט בעוויזען דורך אזעלכע ניד־ריגע הענד. זיי האבען געשטעלט ליכט פאר דער נשמה פון דעם ארטיסט.

Perlmuttera Ultramaryna

jest bezwzględnie najlepszą i najwygodniejszą farbą do bielizny, wapna i celów malarskich.

Odznaczona na wystawach w Brukseli i Medjolanie złotymi medalami.

Wszędzie do nabycia.

מען די קינדערלעך בעגריסען מיט א הארציגען ברוך הבא.

דער אלטער סקארבאווער ניגון געפעלט מיר פארט בעסער.

וואס זאל איך טהון, אז איך קאן זיך גאר נישט־צוגעוואוינען צו די נייע מאדערנע אויפטהועכצען, מעגען זיי זיין ווי שעהן ווייס איך אבער אז דאס איז נאר א סעזאנאהנע זאך פון עס מוז פערשווינדען, אבער דאס אל־טע, דאס פראקטישע מעג עס זיין אבי־סעל אבגעלעבט האט עס אבער דאך א האפט.

איך מיין דעם מאל די אלטע סקאר־באווע ניגונים וואס ווערען געזונגען ביי יודען אין די פערשידענע ימים־טובים וועלכע איך האב שטענדיג ליעב צו הערען ווי עס ווערט געזונגען לויט׳ן אלטען נוסח, מיט דעם אמת׳ן יודישען קרעכץ וואס האט טויזענד טעמים.

איך זאג דאס אקעגען דעם הײַ־יאה־ריגען תשעה באב, צו קינות האב איך אויף דער איינלאדונג פון אבער־קאנ־טאר ה׳ פישעל בעזוכט די נייע סי־נאגאגע, דער ה׳ פישעל זיצט אויף א בענקעלע און לייענט די קלאג - לידער וואס דער גרויסער מקונן ירמיהו הנביא האט פערפאסט אין דער מגלת איכה. דער עולם זיצט אויף די בענק ווי געוועהנליך, דער כאר זינגט צו האר־ציג די טרויעריגע ניגונים, מיך אבער נעמט עס נישט, איך פיהל נישט דעם אמת׳ן טרויער, איך פיהל נישט דעם טיעפען וועהטאג פון פאלקס־חורבן.

איך בין אוועק אין א געוועהנליך שטיבעל און האב געזעהן ווי אלטע יודען זיצען אהן שיך אויף קליינע בענקעלעך און אַן אלטער גראהער יוד לייענט איכה, און פון זיין הארצען ציהט זיך א יאמער, אלע זיצען מיט די קעפ אראבגעלאזט, און איך האב ערשט געפיהלט די גרויסע טראגעדיע פון א פאלק וועלכעס טרויערט זיין גאנץ לעבען.

איך האב מיטגעפיהלט דעם איינער־לויפען שמערץ, דעם טיפען וועהטאג, ווייל געזאגט איז דאס געווארען נישט פון קיין נייען, נאר מיט דעם אלטען אור־אלטען ניגון, מיט וועלכען ירמיהו אליין האט אפשר זיין איכה געזאגט.

נידער מיט די אלטע פארמען.

מיר לעבען אין א צייט פון נייע מאדערנע ערפינדונגען, יעדען טאג ברענגען אונז די צייטונגען ידיעות פון נייע ענטדעקונגען, די קינא׳ס גיבען אונז בילדער וואו זיי דעקען אויף דאס לעבען פון דער מענשהייט וואס מיר בעמיהען זיך עס צו בעהאלטען, וואגאר די נאטור איז ארויס פון איה־רע בעהעלטעניש און מאכט איהרע אלטע שפיק אויף א נייעם מאדערנעם אופן, נאר מיר מענשעלעך האלטען זיך נאך ביי די אלטע מעטאדען פון עסטעטיק און עטיק.

איך מיין דאס אקעגען דעם וואס מיר טראגען בעת די גרויסע היצען אויף זיך דעם גאנצען בעלאסט פון מלבושים, ווייל עס פאסט דאך נישט אנדערש, עס וואלט דאך זיין א זינד געגען די עטיק אז מיר וועלען געהן אהן מארינארקעס, וואס דא־פט איהר מעהר, דער אינערן מיניסטער וועלכער צייכענט זיך אויס מיט זיין אבהיטען די היגיענע און עסטעטיק האט ארויס־געגעבען א פעראָרדנונג, אז זיינע בעאמטע מעגען ארבייטען אהנע מא־רינארקעס, און אפילו אריינקומען צו איהם אין קאבינעט אריין אין די אבער־העמדער, איהר הערט דער מי־ניסטער האט אליין ערלויבט און מיר ווילען דאס נישט נאכמאכען.

מען שוויצט, מען שוויצט, מען ווערט צוחלשט פון שרעקליכען שווייס און מען וויל נישט זינדיגען געגען דער נארישער אנגענומענער פארם פון עטיק, עס געפונט זיך נישט דער יע־ניגער וואס זאל מאכען די התחלה.

דעריבער געפין איך פאר מיין חוב און איך ווענד זיך מיט צו די אלטע, וועלכע ליידען פון די היצען אז זיי זאלען מאכען א סוף צו די אלטע נארישע פארמען און געהן אין גאס אהן מארינארקעס, אז א מיניסטער מעג, מעגען מיר פראסטע בשר ודמ׳ס אוראי.

נידער מיט די אלטע פארמען.

א ביסעל מאדערנער.

איך וויל ענטהייזען, אז וואסערע טענות עמיצער זאל האבען צום מחזי־קי הדת מיט זיין פראגראם, מוז מען אבער איינס פעסטשטעלען, אז דער קאמיטעט האט זיך דאך צוגעהערט צום רוף פון לעבען און האט אין די ראהמען פון זייערע מעגליכקייטען צו־געפיהרט צו א געוויסע פרעהליכע ער־שיינונג.

מיר האבען שטענדיג פערגעווארפען אז דארט איז נישט היגיעניש איינגע־ארדנעט.

לעצטען׳ס, ווען איך האב בעזוכט דעם מחזיקי הדת בין איך פשוט ער־שטוינט געבליבען. די ציטערן זענען הויך און לופטיג, די ריינקייט שמעקט, דאס הויז געפינט זיך ביים וואסער, וועלכעס איז פון דער צייט־ווייס פערפלאנצט מיט ביימער. אויך די למורים, לויט ווי עס האט מיר ער־קלערט דער הויפט־פערוואלטער ה׳ ז. קומען פאר צוגעפאסט צו דער היינ־טיגער צייט, וואָרום אויסער די 6 מלמדים, וואס לערנען מיט די קינדער פון האלב עברי ביז תלמוד, זענען פערהאן 7 לעהרער וואס לערנען די קינדער אלגעמיינע בילדונג. אויך ווערט די בוכפיהרונג געמאכט אויפ׳ן געהעריגען אופן. דאס איינציגע וואס איך וויל נאך אנווייזען איז, אז מען דארף די קינדער נישט צו פיעל מו־טשען, ד. ה. אז מען דארף פערקירצען די לערן־שעה׳ן, און דאן מוז מען קומען צום שלוס, אז פונדעסטוועגען האט דער מחזיקי הדת, צו וועלכען איך האב א געוויסע בעציהונג, מוז איך אליין דאך אנערקענען, אז ער איז געווארען א ביסעל מאדערנער און דאס איז שוין א פרעהליכע ערשיינונג.

דער קאמף צווישען קראקא און טשענסטאכאוו.

דאס איז נישט גלאט קיין פאנטא־זיע, עס איז ווירקליך פארגעקומען א שלאכט צווישען 2 אלטע פוילישע שטעדט און איינע די צווייטע האט געוואלט בעזיגען. יעדע האט געוואלט האבען דעם קראנץ פון בעריהמטקייט פאר זיך און זעהען יענעם׳ס מפלה. דער קאמף איז געווען א העפטיגער, מען האט ארויסגעשטעלט די בעסטע כחות וואס די ביידע שטעדט פער־מאגען. דער קאמף איז געווען א פער־ביטערטער, נאר הפנים עס איז נישט בעשערט געווען קיינעם ארויסצוגעהן אלס זיעגער, וואָרום ביידע שטעדט, סיי טשענסטאכאוו און סיי קראקא גע־הערען צו פוילען׳ס בעריהמטהייטען, זיי האבען זיך מיט וואס גרויס צו האלטען, דעריבער וואלט געווען א אומכבוד, אז עמיצער זאל געניזיקט ווערען.

איך זעה, אז איהר ווערט נייגיריג צו וויסען ווען און וואו און צווישען וועמען די מלחמה איז פארגעקומען, קען איך אייך זאגען אז דאס איז פארגעקו־מען דעם פערגאנגענעם זונטאג אויפ׳ן מעטש־פלאץ צווישען די פוטבאליסטען פון קראקא און טשענסטאכאוו.

לכתחלה האבען די קראקאווער וועל־כע האבען מעהר אמביציע צוליעב זייערע אלטערטימליכקייטען, וואס זיי פער־מאגען ער לריב (דאדורך האבען זיי חוצפה) געקלאפט אונזערע און מיר וואלטען חלילה פערשעמט געווארען, האט מען אבער ביי דער צווייטער העלפט מלחמה מעהר זיך בענוצט מיט קארנבראט׳ן און צוגעשטעלט ארעלעק׳ן, וועלכע האבען די קראקאווער געוויזען אז נישקשה, אז אונזער טשענ־סטאכאוו קען אויך געבען א שאט צו־ריק און טאקע א דאנק אונזער חברה (5 יודען) איז געראטעוועט גע־ווארען אונזער כבוד און מיר זענען ארויס מיט גלייכע ביינער, ד. ה. מיר האבען זיי אריינגעקלאפט 4 גאלען און זיי אונז 4 שטיקלעך. ווי עס זאל נישט זיין, אבי מיר זענען נישט פערשעהמט געווארען, אנדערש וואלטען מיר נישט געקענט אונזער פנים פאר דער וועלט ווייזען, פון דעם דאזיגען קאמף צווי־שען קראקא און טשענסטאכאוו.

דלפון.

נישט אבגעג'ט איינע–חתונה געהאט מיט א צווייטער

(פון די טשענסטאכאווער ראבינאט-מעשה'לעך.)

פאר'ן ראבינאט שטעהט א פרוי פון א יאהר 50, פראסט אבער ערענטליך געקליידט, מיט א פרוזור אלא גארסאן, און דערצעהלט, אז זי, טשארנע שעראדזקא פון פאט, האט מיט א ערך 20 יאהר צוריק חתונה געהאט אין חיערושבניק מיט א געוויסען מרדכי פערלמאן, א מישלער, מיט וועלכען זי האט גאר געוואוינט עטליכע וואכען און זינט דאן האט זי נישט געהאט קיין שום ידיעה, וואו היין איהר מאן איז אוועקגעקומען. זי האט אין פערלויף פון די 2 צעהנדליגע יאהר געזוכט, פרי פון איהם וועניגסטענס ארויסצובעקומען א גט, אבער אלעס אהן ערפאלג. ערשט פאריגע וואך האט זי זיך צופעליג דערוואוסט, אז איהר מאן וואוינט אין טשענסטאכאו אויף נארגצארסקא גאס מיט אן אנ'אנדערער פרוי.

פרוי טשארנע שעראדזקא בעט דעריבער דעם ראבינאט מען זאל איהר העלפען אויפזוכען דעם מאן, כדי זי זאל נישט דארפען נאך מעהער צו פערבלייבען אן עגונה.

דעם בית-דין האט גלייך גענומען איהר „רעטעקטיוו", רעם שמש משה יצחק, און געשיקט איהם אויפצוזוכען דעם „העלד".

עטליכע שעה האט אזוי געדויערט דאס זוכעניש, ביז ס'האט זיך ארויסגעוויזען, אז אנשטאט דעם מישלער מרדכי פערלמאן, איז געפונען געווארען דער מהירען געהער אברהם מרדכי פערלמוטער (נארנאצרסקא 77). הייסט אויס, אז אבוואוינענדיג סך-הכל 4 וואכען, האט די פרוי נאכ'ן אבלויפען פון 20 יאהר, שוין אפילו נישט געקענט געדענקען ווי איהר מאן הייסט...

דער „ראבינאטס-דעטעקטיוו" האט פעסטשטעלענדיג, אז דיס מיינט מען טאקי דעם דאזיגען פערזאן, איהם דערצעהלט, אז עפים איז אין ראבינאט אנגעקומען פאר איהם א חילופינער בריעף און איהם געהייסען ארויסקומען.

פערלמוטער ווייענדיג וויכער, אז דא האנדעלט זיך וועגען א בריעף מיט דאלארען פון אמעריקא, אבער פעסט רעכנענדיג א מיליאנען ירושה האט זיך באלד געשטעלט פאר'ן ראבינאט.

דאס איז א יוד פון אונגעפעהר 60 יאהר, וועלכער געהט אין געגענזאץ צו דער חיערושבניקער פרוי, זעהר שטויניג און ארים געקליידט, מיט לאנגע מלבושים און א גראהער קאלטענעשאטער בארד.

מיט נייגעריגקייט פרעגט פערלמוטער דעם ראבינאט וואס פאר א בריעף עס האנדעלט זיך.

דערויף בעקומט ער באלד אנ'ענטפער, דאס ס'איז אנגעקומען א בריוף, אז ער, פערלמוטער האט מיט אנ'ערך 20 יאהר צוריק חתונה געהאט אין חיערושבניק מיט א פרוי און נישט אבגעגט'ענדיג זי האט ער חתונה געהאט מיט אנ'אנדערער, מיט וועלכער ער וואוינט אין טשענסטאכאו.

פערלמוטער נישט ריכטענדיג זיך אויף אזא ידיעה, ווערט א דערשראקענער. ער לייקענט אבער אב די גאנצע מעשה, ער איז גאר קיינמאל אין חיערושבניק נישט געווען, ער ווייסט נישט פון קיין פתרון און קיין חלום, אמת ער האט אמאל געהאט א ווייב, נאר אין קאזשעניץ, אבער יענע איז שוין לאנג אויפ'ן עולם האמת, און ערשט נאך יענער'ס טויט, מיט פיעל יאהרען צוריק, האט ער אין בענדין חתונה געהאט מיט א ווייב, מיט וועלכער ער וואוינט טאקי היע.

אויף די קאטעגארישע טענות פון בית-דין, אז ס'זענען דאך פערהאן זיכערע ידיעות וועגען זיין חיערושבניקער חתונה, האט פערלמוטער זיך אלץ ווייטער געשוואוירען אז דאס איז א ליגען, א פשוט'ער בלבול.

דער שמש בעקומט דאן א ווינק און אין דער טהיר האט זיך בעוויזען דאס חיערושבניקער ווייבעל, וועלכע האט בעטראכטענדיג עטליכע סעקונדען דעם בעל-דבר — וואס האט זיך אין פערלויף פון די 20 יאהר שטארק געעלטערט און געענדערט — אויסגעשריגען:

— אט דאס איז טאקע מיין תכשיט, וואס האט מיך אומגליקליך געמאכט.

פערלמוטער איז געווארען בלייך, ער האט אין די ערשטע מאמענטען נישט געקענט דאס מויל עפענען, אבער באלד האט ער ווייטער אנגעהויבען צו מענה'ן, אז דאס ווייבעל קען ער גאר נישט, נאר דאס גאנצע עסק איז בלויז א צושטעלעניש.

דאס ווייבעל שרייט דאן, אז פערלמוטער האט זי בדלות געמאכט, צוגענומען איהר דעם גאנצען נדן פון 200 רובל.

פערלמוטער האט דערויף א שטארק צוטומעלטער אבגעענטפערט:

— ס'איז א ליגען, נישט קיין 200 נאר 85 רובעל...

און ווען א ראבינאט-מיטגליד שטעלט איהם באלד די פראגע צי דאס געלד האט ער גענומען פאר צי נאך דער חתונה, ענטפערט ער וועגענדיג צומישט:

— נאך דער חתונה...

ווהענדיג, אז ער איז שוין טרייניגעפאלען, ערקלערט פערלמוטער, אז צוליעב דעם וואס דאס איז א מעשה מיט 20 יאהר צוריק האט ער אין גאנצען פערגעסען דערפון, אבער יעצט הויבט ער זיך איינצינקען עפים אן צו דערמאנען...

ער דערצעהלט באלד, אז אבוואוינענדיג 4 וואכען מיט דעם דאזיגען ווייבעל, האט זי איהם צוגענומען די הויז-זאכען און פון איהם אוועק, נישט קענענדיג אלוא בלייבען אהן אנ'„עזר כנגדו", האט ער גענומען גלייך חתונה האבען מיט אנדערער.

דער ראבינאט האט תיכף ארויסגעגעבען א פסק-דין אז פערלמוטער זאל געבען דעם חיערושבניקער ווייב א גט. מען רופט טאקי דעם סופר, די עדות און מען גרייט זיך צו שרייבען דעם גט.

איינער פון די אנוועזענדע מאכט זיך א חויק אז' אנקוקענדיג אויף דעם חיערושבניקער ווייבעל,] וועלכע זעהט אויס גאר לייטיש, פרעגט ער פערלמוטער'ן צי ער וועט נישט בעסער געבליבען וואוינען מיט איהר און גלייכער געג'גט די היינע, די מחיר - נעחערון...

פערלמוטער גיט פון דער ווייט א קוק אויף די חיערושבניקער און באלד בעט ער דעם פערשלאג - געבער צו פועל'ן דאס ביי איהר...

דאס בית-דין נעמט זיך אבער באלד מסדר צו זיין דעם גט און אין עטליכע שעה ארום געהט טשארנע שעראדזקא ארויס פון ראבינאט א צופרידענע.

די זיצונג פון דער דערווייליגער שטאדט - פערוואלטונג.

נאך א דריי-וואכעדיגער הפסקה איז פארגעקומען די זיצונג פון דערווייליגען מאגיסטראט אונטער'ן פארזיץ פון קאמיסאר גאטמעל, וועלכער האט אין אנהויב פון דער זיצונג אבגעגעבען א ברייטען בעריכט פון זיין רייזע אויף דער וואוינונגס-אויסשטעלונג אין שטוטגארט און אויך פון פראג, פראנקפורט און אמסטערדאם, וועלכע ער האט אויפ'ן וועג בעזוכט.

די וואוינונגס - אויסשטעלונג אין שטוטגארט האט געוויזען קאמפלעקסען פון וואוינונגס-הייזער, וועלכע האבען אילוסטרירט די בעמיהונגען פון פערשיעדענע מלוכות אין דעם דאזיגען געביעט. די הייזער-פראיעקטען, שטאמענדיג פון ראדיקאלע ארכיטעקטען, וועלכע האלטען, אז מען דארף גוט אויסנוצען דעם פלאץ און בויען שפארזאם, זענען אבער נישט מיט אלע מעלות, די דאזיגע הייזער דארפען לויט זייערע פלענער געבויט ווערען אהן שום בעציהונגען און דארפען ווערען געבויט מיט גלייכע רעכטע, וועלכע וועלען קענען דינען אלס וואנט - פלאזשעט און אלס גערטנער. די וואוינונגען וועלען אבער זיין זעהר קליינע, די פאדערהויזער און טרעפען צו ענג און קליין.

די פראנצויזישע אינזשענירען האבען געוויזען פלענער פון וואוינונגען, לויט וועלכע די ווענט צווישען די שטובען וועלען זיין נישט ביז'ן סופיט, כדי די וואוינונגען זאלען זיין לופטיג. אויסער דעם איז פארגעזעהען צו די וואוינונגען ספעציעל מעבעל, גאנץ געוועהנליך אהן שום בעציהרונג, אבער דערפאר ענטשפרעכענד צו אלע היגיענישע פארשריפטען.

אין טשעכישען פראג האט ער בעזוכט דעם דארטיגען מאגיסטראט און איז געווארען אויפגענומען פון דעם וויצע - פרעזידענט גאנץ הערצליך און איהם בעקאנט מיט דער ארבייט פון דער קאמונאלער ווירטשאפט אין פראג.

אין פראנקפורט האט ער בעזוכט די מוסטערהאפטע קאנאליזאציע-איינריכטונגען.

אין אמסטערדאם האט ער בעזוכט די ערשטע אין אייראפא איינריכטונג פון פערברענען אלערליי מיסט.

נאכ'ן אויסהערען דעם בעריכט איז די זיצונג צוגעטרעטען צו ערלעדיגען א רעהע פראגען פון טאג-ארדנונג.

אין דער ערשטער רייהע איז ווייטער בעהאנדעלט געווארען די פראגע וועגען בויען א גאזאנשטאלט אין שטאדט.

אין צוזאמענהאנג דאמיט האט די טעג געווייַלט אין טשענסטאכאוו דער דירעקטאר פון די פוילישע גאזאנשטאלטען אינזשעניער קאנטאטא, וועלכער בעמיהט זיך אין נאמען פון היגען מאגיסטראט ביי דער פוילישער באנק פאר לאנדסווירטשאפט וועגען בעקומען די נעהעריגע קרעדיטען דערויף.

אין משך פון דער היינטיגער וואך וועט פארקומען אין זאל פון שטאדט-ראט א פערלעזונג, וועלכע וועט האבען די אויפגאבע צו בעקענען די היגע געזעלשאפט מיט די צוועקען און נוטיגקייט פון דער גאזאנשטאלט.

דאס בויען פון דער גאזאנשטאלט וועט נאך אנגעהויבען ווערען אין דעם יעצטיגען סעזאן, באלד ווי די פראגע וועט ענדגילטיג געלעזט ווערען.

דאן איז בעשלאסען געווארען אין דער נאהנטסטער צייט צו שאפען א בירגערליכען קאמיטעט אויף פונאנדערצובויען די שטאדט. דער דאזיגער קאמיטעט וועט זיך פערנעמען מיט דער פראגע וועגען הייזער עס זאלען אין אונזער שטאדט אויפגעבויט ווערען.

וועגען דעם בודזשעט האט דער קאמיסאר ערקלערט דאס וויבאלד עס וועט ערהאלטען ווערען פון דער וואיעוואדסטווא א בעשטעטיגונג פון בודזשעט וועט צוזאמענגערופען ווערען א גרעסערע פערזאמלונג פון היגע בירגער, אויף וועלכער עס וועט אלעסען בעקאנט געמאכט ווערען דער פינאנציעלער מצב פון דער שטאדט.

אלס בעפולמעכטיגטער אויף אדורכצופיהרן דעם ארביטראזש ביי דעם קאנפליקט מיט דער געזעלשאפט „אולען" איז מצד דעם מאגיסטראט בעשטימט געווארען דער דירעקטאר פון דער פוילישער קאנאליזאציע - געזעלשאפט אינזש. פיעקארסקי.

צום סוף האט דער קאמיסאר געמעלדען דאס עס איז פארגעקומען די ערשטע זיצונג פון דעם בירגערליכען קאנאליזאציע-קאמיטעט, אויף וועלכען עס איז אבגעגעבען געווארען א גענויער בעריכט וועגען מצב פון דער קאנאליזאציע-ארבייט דורך'ן ה' באלאבאנאוו.

דאמיט איז די זיצונג געשלאסען געווארען.

קליינער פעליעטאן.

נחמו נחמו עמי.

טרייסט דיך מיין פאלק, גענוג שוין געקלאגט, גענוג שוין געוויינט אויף דיין חורבן, וויפיעל איז דער שיעור, אמת דער ווייטאג איז צו גרויס, די שמערצען צו שארף, אבער צו אלעם מוז דאך נעמען א סוף. אלעס מוז דאך האבען אנ'עק, און אויך דו מיין פאלק מעגסט אויך שוין הערען א ווארים ווארט, וועלכעס זאל דיך אביסעל דערמונטערען און ארויסרופען אויף דיין פנים א שמייכעל, א בלאס שמייכעל, אבער דאך א שמייכעל.

פריי דיך מיין פאלק, אז נישט בלויז אין די קולטורעלע לענדער ווי אונגארן און רומעניען מאכט מען אויף דיר פאגראמען, נאר אפילו דאס פוילישע ליטע הערט אויף קולטורעל און צייכענט זיך אויך אויס מיט א פאגראמטשיל און דערלאנגט דיר א מתנה (ו), און אז מען ניט יורען א פאגראמטשיל ווערט דאך דאס קליינע כאמישע ליטא פאפולער אויף דער גאנצער וועלט, מא וועמען וועט עס האבען צו פערדאנקען טאקי נור דיר ישראליקיל, איז דאריבער טרייסט דיך מיין פאלק טרייסט דיך!

דו דארפסט דיך אויך פרייען וואס צווישען די גרויסע מענשען וואס די היינטיגע וועלט פערמאגט, און דאס זענען דאך זעלבסטפערשטענדליך די פליהער, וואס האבען קפיצת הדרך, געפונט זיך אויך דיינער א זוהן, איי דער זוהן וויל זיך נישט טרומבאמען מיט אונז, נו מ'לא, זאל זיין אזוי, דאס איז זיין א קאפריז. ער קאן זיך אבער דאך נישט פון אונז אבשטעלען, און ער וויל נישט אויסזאגען אז ער איז א יוד, זאגען שוין אנדערע און דערמאנען איהם אז ער איז א ושירלאק און דאס דארף זיין אונזער מ־חיטם.

אויך דארפען מיר זיין צופרידען וואס מיר קאנען זיך בערימען אז מיר זענען שוין נישט די נעבעכדיגע יודעלעך וואס אלע האבען אונז געהאלטען פאר שלימזלען אז מיר זענען נור פעהיג צו שרייען אז מען שלאגט אונז, אז מיר האבען מורא פאר'ן טויט, אז מיר זענען פרוסען, אה ניין, נישט קשה מיר קאנען זיין שמאלץ אז צווישען אונז געפונען זיך העלדען וואס קאנען זיך דאס לעבען נעמען און קאנען אויך יענעם דאס לעבען נעמען, צווישען די פיעל מערדער און זעלבסטמערדער געפונען זיך אויך אחינו בני ישראל, דעריבער טרייסט דיך מיין פאלק וועסטו אריין אין צעמ'ל פון אלע איבריגע נארמאלע פעלקער, ווארום די היינטיגע וועלט אנערקענט דאך נאר די יעניגע וועלכע קענען אויסהאלטען און דערלאנגען יענעם א קלאפ, און אין דעם פרט האבען מיר פיעל געשטיגען. דעריבער טרייסט דיך מיין פאלק.

אויך מיר טשענסטאכאווער יודען האבען זיך מיט וואס צו טרייסטען און פערוואס זיך צו פרייען.

איבערהויפט מעגסטו זיך פרייען, וואס דו ביזט פטור געווארען פון דער פלאג וואס הייסט שלעכטע פערזאמלונגען, וויפיעל האבען זיי דיך נעבייך אויסגעמוטשעט אין משך פון דעם היי-יעהריגען זומער, וויפיעל צרות און עגמת נפש האבען זיי דיר פערשאפט, וויפיעל בייז בלוט האט עס ארויסגערופען ביי פערשיעדענע מייערע ליבמינע מענשעלעך, וועלכע זענען (זיי זאלען זיין וואלען) בערופען געווארען פון דער השגחה צו זיין די פאטפוכער פון דיין פאלק ישראל, איז בלויז, אז די האסט דאס דאזיגע אומגליק פטור געווארען מעגסטו זיך שוין פרייען. גלויבט מיר עס וועלען ווירקליך געהען א נגע צרעת די היי-יעהריגע אלגעמיינע פערזאמלונגען, וועלכע האבען נאך זיך נאכגעהען און ווער ווייסט ווי לאנג דאס וועט דויערן, אבער סיי ווי סיי, מיר האבען זיי דאנקען גאט פטור געווארען איז דעריבער ווי געלעבט.

אויך האבען מיר א טרייסט, וואס מיר האבען שוין דאנקען גאט פטור געווארען דעם בודזשעט פון דער גמינע וועלכע האט פערנומען אזוי פיעל זיצונגען, אז עס איז שוין מיאוס געווארען ווצענדיג, און אז סהערען די אלע רעדעס פון אונזערע פערווארנער, וואס האבען זיך געקריגט איבער א קיצו של יוד און יעדער איינער איז נור אויסען געווען אונז מזכה צו זיין מיט עפים גוטס, און שטעלט אייך פאר אז זיי האבען אונז מכבד געווען מיט אלדאס גוטס, ווארום אין בודזשעט וועט איהר געפונען פאזיציעס וואס נעמט ארום אלעס האט א שייכות צום יורישען לעבען אנהויבענדיג פון דער מתיבתא און ענדיגענדיג מיט דער ביבליאטעק פון חל. מעדעם.] אלעס איז דארט דא, און דאס האבען געקאנט אונזערע טאטעס וועלכע האבען זיך מוסר נפש געווען פאר אונז און זענען אנגעזעסען גאנצע טעג און געזעט ביז זיי האבען ענדליך עס פערטיג געמאכט, זיי האבען נעביך גוט געשוויצט, א געזונט אין זייערע ביינער אריין...

יעצט ווען מען וועט געהן צוזאמענעמען דאס געלד, וועלען זיי דאכט זיך ערשט אנהויבען - צו שוויצען, אבער דאס איז שוין גארנישט, דער עיקר איז אז מען האט דעם בודזשעט פערטיג געמאכט און דאס דארף זיין אונזער טרייסט.

אויך דארפען מיר זיך טרייסטען, וואס מיר יודען וועלען נאך נישט פערלוירען, כ'מיין וואס אונזער יורישקייט האט נאך א קיום, ווארום בעת איך בין געהען אויף די זיצונגען פון דעם קהלה-בודזשעט און מען האט גערעדט וועגען א סובסידיע פאר די יורישע געזעלשאפטליכע גימנאזיעס האט זיך איין פרנס, געזונט זאל ער אונז זיין, זיך אויסגעדריקט, אז דארט ערציהט מען אפיקורסים, האט מיין הארץ געטרויערט אויפ'ן חורבן וואס קומט פאר אבישען אונזערע יונגע קינדער, באלד האב איך מיך אבער געטרייסט ווען איך האב געזעהן שווארץ אויף ווייס געדרוקט אין א פוילישע קראקאווער צייטונג א אנאנס פון א היגע פריוואטע „יורישע" גימנאזיום, וואו זי אנאנסירט זיך, אז ביי איהר ווערט אנגענומען קינדער פון דער יורישער רעליגיע מוזנאגיס מאזישעשטאהענגט, הא טראכט איך מיר, לא אלמן ישראל, איהר זעהט! עס איז נאך דא ווער עס זאל זארגען פאר אונזער רעליגיע, אויב דאס געזעלשאפטליכע גימנאזיום פערנאכלעסיגט עס, קומט א צווייטער, וועלכער קען נישט צוקוקען ווי מען פערנאכלעסיגט די יורישע רעליגיע, און כדי צו קעמפען געגען דעם עפענט ער באלד אויף א צווייטע גימנאזיום אויפ'ן „פרינציפיעלען" פונדאמענט בארען אבי צו קעמפען פאר דער יורישער רעליגיע, אז זי זאל חס ושלום נישט אונטערגיין, איי עס טרעפען [ליצים, וועלכע זאגען אז דער זעלבער קנאי וואס קעמפט אזוי הייס פאר דער יורישער רעליגיע האלט אלס ערציהער פון די יורישע קינדער פוילישע לעהרער, און ער בכבודו ובעצמו הייסט אפילו נישט היילינק טאג עס איז ל"ג בעומר! אבער דאס איז שטותים אבי ער מיינט עס ערנסט, און אז ער מיינט עס ערנסט קען דאך וועגען דעם קיין צחוק פיינונגען נישט זיין, איז דעריבער טרייסט דיך מיין פאלק וואס אין יעדען דור וואקסען אויס גרויסע אוניווערסאלע מענשען וואס שטעהען אויף און היטען אב אונזער רעליגיע, אזוי ווי עס שטעהט: בכול דור ודור עומדים עלינו...

תקיצור, עס זענען אוועק די טרויעריגע טעג און עס הויבען זיך אן פאר אונז פרייליכע טעג, מיר זענען פטור געווארען די טעג פון אבילות, און מיר וועלען אנהויבען זיך צו פרייען מיט שמחות, מיר וועלען אפילו חתונות געמאכט] אונזערע קינדער איבערהויפט אונזערע טעכטער וועלכע וועלען מסוגל ארויסצורופען ביי זייערע עלטערן טרויער, נאר ווען עס וועלען געהן דורות בפילא וועלען זיך שוין געפונען חתנים, נאר זאל דאס אונז גארנישט ארען, ס'וועט שוין גוט זיין, עס וועלען טעג פון נחמה, און טרייסטונג.

עס ווערט אפילו אביסעל קאלאמוטנע אויפ'ן הארצען ווען מען דערמאנט זיך אז נאר אין קורצען וועט אנהויבען צו בלאזען א קיהל אלול ווינטעל וואס וועט ווערען אונז פערקיהלען דאס בלוט אין די אדערען, אבער ביז דעמאלט זאל זיין געלעבט, ווארום ווי זינגט דאס פאלקס לידעל, עס איז אוועק דער נעכטען, עס איז נאך נישט דער מארגען, געבליבען איז נאך דאס פיצעלע היינט, שרעק איהם נישט מיט זארגען, דעריבער זאל פערשווינדען ווערען דער נעכטיגער טרויער, זאל אונז נישט אבשרעקען דער מארגענדיגער טאג פון זארגען, דער היינטיגער טאג איז דערווייל אונזער, זאל ער אויסגענוצט ווערען אלס א טאג פון טרייסט און נחמה.

נחמו נחמו עמי.

סמאל.

Nie brońcie dzieciom

bawić się i hasać. Będą wówczas rade z życia i zdrowe. A choćby i brudne wróciły do domu, to pomyślmy wtedy: piękne „mydło Kołłontay z pralką" naprawi wszystko tanio, szybko i bez trudu. „Mydło Kołłontay", wytwarzane z najszlachetniejszego surowca, znajdujące się stale pod kontrolą chemików, jest niedoścignione i żaden inny fabrykat dziś już mu niedorówna. Kupować wolno nam zatem tylko sławne „mydło Kołłontay".

Mydło KOŁŁONTAY z pralką

patent.

Przedstawiciel: I. Lewkowicz, Częstochowa, Narutowicza 15

בעקאנטמאכונג.

איך האב דעם כבוד בעקאנט צו מאכען די איינוואוינער פון טשענסטאכאו און אומגעגענד, אז איך האב געעפענט ביי דער עגזיסטירענדער שנעל-וועשעריי פון ר. ווארשאווסקא, אגראדאווא 15 אדער נייער מארק 4, הויף, פארטער

א כעמישע וועשעריי א. ד. „TĘCZA"

מ'איז אנגענומען צו וואשען אויבער-וועש: העמדער, קראגען, מאנקעטען, אד"ג און אויך אלערליי קליידונג-שטיק: העלענע, באטיסט, זייד פלוש, סאמעט, מענער-אנצוגער, דאמען קאסטיומען, גומע פאלטענס, פערשידענע פוטער און יעדער ארט
— סחורות און גארדינען. —

מיין כעמישע וועשעריי האב איך איינגעארדענט לויט דעם נייעסטען סיסטעם און געפונט זיך אונטער דער לייטונג פון א ערפאהרענעם פאכמאן, וועלכער בעזיצט א לאנגיעהריגע פראקטיק אין זיין פאך.

איך עמפפעהל זיך דעם ג' פובליקום און האף, אז מיין כעמישע וועשעריי ווי אויך מיין שנעל וועשעריי וועט גערן בעזוכט ווערען פון אלע שיכטען פון דער בעפעלקערונג.
מיט אכטונג

ר. ווארשאווסקא, שנעל און כעמישע וועשעריי „TĘCZA".
טשענסטאכאו, אגראדאווא 15 אדער נייער מארק 5, הויף, פארטער.

צו דער עפענטליכקייט!

צוליעב דער נאטיץ, וואס איז געווען אין דער „טשענסט. צייטונג" נומ. 32 אז איך האב ארויסגעווארפען אויף דער גאס מיין לאקאטאר נחום מארקאוויטש, מוז איך ערקלערען, אז מיט דעם וועלכען לאקאטאר בין איך פריהער געווען ביים רב, אויך צווישען מענשען און איך האב געוואלט מקיים זיין אלץ וואס די בוררים האבען געמאכט, נאר דער לאקאטאר וועלכער האט פערנומען אין מיין הויז א וואוינונג פון 3 צימערן גאנצע 3 יאהר, האט קיין שום זאך נישט געוואלט נאכקומען. מען האט מיך אפילו געשלאגען, די וואוינונג האבען זיי געהאלטען אין אזא שלעכטען צושטאנד אז מען האט זי געוואלט פערזיגלען אויך האב איך איהם געגעבען 750 זל אויף א דירה, אזוי אז איך האב יוצא געווען אלץ וואס כ'האב געקענט אלס יוד און מענש.

וואלף רוסעק ווארשאווער 8.

וועגען אונטערשטיצען די טשענסטאכאווער וואס וואוינען אין ארץ-ישראל.

די שווערע לאגע אין וועלכער עס געפונען זיך די גרעסטע צאהל טשענסטאכאווער עולים וואס וואוינען אין ארץ-ישראל, האט ארויסגערופען די איניציאטיוו אפצוארדנען פאר זיי א הילפס-אקציע אין אונזער שטאדט.

אויף דער ערשטער זיצונג פון דער ארגאניזאציאנס-פערזאמלונג וועלכע איז פארגעקומען מיטוואך דעם 10 ד. ח. אין לאקאל פון דער יודישער געמיינדע ביי א ענגער פערזאמלונג זענען ארויסגעקומען נעהארעך פערשידענע פלענער וועלכע די אקציע דארף ארומנעמען.

דער קאמיטעט האט בעשלאסען צו רופען אין די נאהנטסטע טעג א גרעסערע פערזאמלונג צו דעם צוועק, און זעהען אז די אקציע זאל ווי געהעריג אדורכגעפיהרט ווערען.

ס'איז נישט קיין ספק אז די היגע יודישע בעפעלקערונג וועט נעמען אין אכט די וויכטיגע אויפגאבע, און וועט מיטהעלפען צו איהר ערפאלג.

דער האנדווערקער-קלוב שאפט א אייגענע באנק.

ווי מען מעלדט אונז מיט איז אויף איינע פון די לעצטע זיצונגען פון היגען יודישען האנדווערקער-קלוב אנגענומען געווארען א בעשלוס, צו שאפען א ספעציעלע האנדווערקער-באנק וועלכע זאל בעפרידיגען די קרעדיט-בעדערפענישען פון די היגע יודישע האנדווערקער.

אלגעמיינע פערזאמלונג פון „לינת הצדק".

זונטאג קומט פאר אין איינענעם לאקאל די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון די מיטגלידער.

פון דעם יעהרליכען בעריכט וואס דרוקט זיך אין היינטיגען נומער פון אונזער צייטונג איז צו זעהען אז די פערוואלטונג פון לינת הצדק שטעהט אויף דער הויך פון איהרע אויפגאבען, און בעמיהט זיך מיט אלע מעגליכקייטען אויסצוהעלפען דעם פעראיין אויף זיין געהעריגער מדרגה, צו קענען ערפילען וואס מעהר די פערלאנגען און וואונשען פון די ברייטע יודישע קרייזען אין אונזער שטאדט.

אינערען מיניסטער סקלאדקאווסקי אין טשענסטאכאו.

מאנטאג 1 זייגער ביינאכט איז אדורכגערייזט פון קאליש קיין בוסק און זיין איינענעם אויטא איז געקומען קיין טשענסטאכאו דער אינערן-מיניסטער גען. סקלאדקאווסקי.

גען. סקלאדקאווסקי איז פערפאהרען אין האטעל „פאלאניא" וואו עס האבען זיך אהם שפעטער פארגעשטעלט דער פערטרעטער פון היגען סטאראסטע ה' טרונאדעל און דער פאליצי-קאמענדאנט קוסשינסקי, וועמען דער מיניסטער האט ערקלערט אז זיין אנצוזאגען אינספעקציאנס-בעזוך אין טשענסטאכאו וועט ער מאכען אין דער נאהנטסטער צייט.

נאכמיטאג האט דער מיניסטער אין דער בעגלייטונג פון קאמיסאר ה' געטעל, קאמיסאר טקאטשעק און ה' פורסקי בעזוכט די געגענד ביי דער יאסנא גורע, וואו ער האט זיך פעראינטערעסירט מיט דעם היגיענישען צושטאנד פון די דארטיגע נאכט-לעגער-הייזער.

אין אזענער איז ער אוועק אין זיין ווייטערדיגער רייזע.

וועה געשריי פון דער טשענסטאכאווער בעקער בראנזשע.

שוין זייט 3—4 וואכען איז אונזער בעקער-בראנזשע בעלאסטעט מיט צו הויכע סומעס פון אומזאץ שטייער וועלכע שטייגען פיעל אריבער פון פערדינסט פון די בעקערס און דאס האט ביסלעכווייז געבראכט צו א פולשטענדיגער רואין.

אונזערע דעלעגירטע, ד"ה פאך-קענער האבען די גאנצע צייט ביי די זיצונגען פון דער שאצונגס-קאמיסיע זיך בעמיהט אויפצוקלערען דעם אינספעקטאר די לאגע פון אונזער בראנזשע וועלכע בעשטעהט מעהרסטענטייל פון ניט פערמעגליכע מיטגלידער וועלכע האבען נישט וואנאר פון וואס קיין זאק מעהל צו קויפען, און מוזען צוליעב דעם אנקומען צו פערשידענע קלענערע סוחרים וואס שטעלען זיך מעהר צו פערדינונגען אויך צו פערשידענע הלוואות פון גמילת חסדים, רעטונגס-קאמיטעטען, און דער בעקער בערעכענט ווען ער האט נאר 1 גילדען פערדינסט נאך דעם אויפבאקען, ארבייט ער מיט שווייס אדורך נור דעם איינעם גילדען צו פערדינען, טראץ דעם וואס דער זאק מעהל קאסט זעהר א קאלאסאלע סומע, דאריבער קען מען נישט שאצען לויט דעם אומזאץ וועלכער בעטרעפט זעהר פיעל. אונזער שטייער אמט האט אבער שטענדיג וועניג אכט געלעגט אויף אונזער ערקלערונג און פלעגט שאצען דעם אומזאץ לויט זיין איינענעם איינזעהן און דאבעי זיך לחלוטין נישט גערעכענט מיט דער דאזיגער ערקלערונג. אויך מיט ברויט פרייזען וועלכע זענען דורכ'ן מאגיסטראט געווען אויסגעשטעלט צום אפיציעלען האנדעל דורך דער צענטראלער קאמיסיע, וועלכע אנערקענט נישט די קאלקולאציע פון אומזאץ-שטייער צו רעכענען. ווי עס ווייזט זיך איצט ארויס לויט די נאקאזען זענען זיי פיעל גרעסער לויט די בעשטימונגען פון דער שאצונגס-קאמיסיע.

אונזער לאגע איז איצט קאטאסטראפאל. עס דראהט א גרעסערן טייל פון בעקערס א פולשטענדיגער אונטערגאנג. מיר ווענדען זיך דארום מיט אונזער עפענטליכען וועה געשריי צו דער געזעלשאפטליכער מיינונג און צו די מעהרערע אינסטאנצען און מאכט ארגאנען זיי זאלען זיך אויף דעם אברופען און נישט דערלאזען צו אונזער אונטערגאנג דורך דער צו הויכע שטייער בעלאסטונג.

די בעקער-סעקציע ביים האנדווערקער-קלוב
אין טשענסטאכאו.

מען דארף וויסען ווען בריעף ווערען ארויסגענומען!

דער היגער „קוריער" מאכט א ריכטיגע בעמערקונג אויפ'ן אדרעס פון דער היגער פאסט-פערוואלטונג.

אין אלע שטעדט אין גאנצען לאנד איז אנגעמערקט אויף יעדען פאסט-בריעף קאסטען די שעה'ן ווען בריעף ווערען פון דארט ארויסגענומען — און ביי אונז אין טשענסטאכאו ווייסט קיינער נישט ווען דאס קומט פאר.

אין פערשידענע פאלען איז אבער וויכטיג צו וויסען ווען די בריעף ווערען ארויסגענומען און אוועקגעשיקט, אזוי אז מען זאל זיך קענען אריענטירען ווען די בריעף צו בעלעגען.

עס איז אבער צו האפען דאס אויך די היגע פאסט וועט די דאזיגע רעפארמע גערן אדורכפיהרען.

בעזוך פון אויספלוג פון אמעריקאנער פאלאקען אין טשענסטאכאו.

מאנטאג אין אווענט איז קיין טשענסטאכאו געקומען דער אויספלוג פון אמעריקאנישע פאלאקען אין דער צאהל פון איינינע צעהנדלינג פערזאן.

די געסט האט אויף דער סטאציע אויפגענומען דער קאמיסאר געמטעל צוזאמען מיט אנדערע פארשטעהער פון דער היגער מאכט.

די געסט האבען געגעסען א געמיינזאם מיטאג און בעזוכט פערשידענע ערטער אין טשענסטאכאו און דאן זענען זיי אויך צומארגענ'ס אוועקגעפאהרען אין זייער ווייטערדיגע רייזע.

פון יודישען טעאטער.

די לעצטע פארשטעלונגען האבען זענען אויסגעפיהרט געווארען דורך דער יודישער טרופע מיט די בעטהייליגונג פון דעם „פיערעטעלי" זענען א דורך מיט'ן גרעסטען ערפאלג.

דאס פובליקום האט זיך גוט געוויילט און הארציג געלאכט פון פאלאקאס הומאר.

ה' פאלאקאס איז געווארען דער ליבלינג פון טשענסטאכאווער טעאטער-בעזוכער, און נישט בלויז ביים עולם וואס זיצט אין פארטער, נאר אפילו ביי דער גאלעריע, וועלכע האבען שוין געגעבען זייער הסכמה אז פאלאקאס איז דער אמת'ער קאמיקער, כאטש ער מאכט נישט קיין קאזשעלקעס... אויך פרוי באריסאווא נעמט שטארק אוים מיט איהר טעמפעראמענט און חן, זי רעדט א זאפטיגען יודיש אז עס איז א מחיה צו הערען, אויך פערנעמט זיין פלאץ ה' ראבינאוויטש, וועלכער פיהרט אויס זיינע ראלען מייסטערהאפט, עס איז נאר א שאד דאס די בעגאבטע דראמאטישע שוישפילערין אניעלא האט נישט אנטייל גענומען אין די לעצטע פארשטעלונגען, אויך פרוי ליבגאלד האט זיך גוט איינגעשפיעלט מיט אונזערע גאסטראלערען אזוי אז עס מאכט דעם איינדרוק אז זי איז פון זייער כאלוסא-טרען.

איבערהויפט מוז מען פעסטשטעלען אז דער גאנצער אנסאמבל צוזאמען מיט די גאסטראלערען שפילען אין איינקלאנג, דער עולם שאצט עס טאקי אפ און די פארשטעלונגען ווערען וואס אמאל אלץ מעהר בעזוכט.

דעם שבת און זונטאג קומען פאר די לעצטע 3 פארשטעלונגען מיט'ן אנטייל פון די געסט. שבת נאכמיטאג ווערט געשפיעלט די פיעסע „געלד", „ליעבע און שאנדע" מיט פרוי אניעלא אין די הויפט-ראלע, שבת אוונד א פרעמיערע צום ערשטען מאל אין טשענסטאכאו „דער קליינער מיליאָנער", זונטאג אוונד „דאס יונגע חת-בעל", אין די אלע פיעסען נעמען אונזערע גאסטראלערען אנטייל.

מאנטאג קומט פאר די לעצטע אבשיעדס-פארשטעלונג, די טרופע גרייט צו א אויסערגעוועהנליכע איבערראשונג.

עס איז מעהר ווי זיכער אז דאס טשענסטאכאווער טעאטער-פובליקום וועט אויסנוצען די געלעגענהייט און וועט בעזוכען די לעצטע פארשטעלונגען פון אונזערע ליבע און חשוב'ע געסט.

פ"י.

א בריעף אין רעדאקציע.

זעהר געעהרטער ה' רעדאקטאר!

איך בעט אייך געפעל, אבצודרוקען פלאץ אין אייער חשוב'ער צייטונג פאר מיין פאלגענדער ערקלערונג:

אין א געוויסען היגען גאסען-בלעטל איז פערשפרייט געווארען געגען מיר רכילות און ליגען'ס, אז צוליעב מיין שולד בעת איך האב פערוואלטעט מיט'ן היגען קליינהענדלער-פעראיין מוזען יעצט פיעל קליינהענדלער בעצאהלען שטראפען פאר נישט אויסקויפען געהעריגע פאטענטען, צוליעב וואס איך ערקלער פאלגענדעס:

אין די פאריגע יאהרען האט ווי בעקאנט די „אוזבא סקארבאווא" געצוואונגען קליינהענדלער, וואס זענען גלייכצייטיג געווען האנדווערקער, אויסצוקויפען דאפעלטע פאטענטען, פון וואס די קליינהענדלער זענען געווארען שטארק בעעוולה'ט. שטעהענדיג דאמאלס אין דער שפיץ פון היגען קליינהענדלער-פעראיין האב איך מיט א דעלעגאציע פון קליינהענדלער-פעראיין זיך געווענדעט צום דאמאלדיגען וויצע-מיניסטער און איצטיגען פינאנץ-מיניסטער ה' טשעכאוויטש, מיט אונזער דעלעגאציע איז מיטגעגאנגען דער בעוואוסטער כלל-טוער דעפוטאט ה' פארבשטיין און נאך 4 טאג אויפהאלטען זיך אין ווארשא איז אונז געלונגען צו בעקומען א אודיענץ ביים מיניסטער, וועלכער האט נאך א לאנגער קאנפערענץ אונז פערשפראכען ארויסצוגעבען א געהעריגען צירקולאר, וועלכער זאל די דאזיגע עולה בעזייטיגען.

אזוי איז דאס אויך געשעהן, די נויטיגער צירקולאר איז ערשינען, נאר עטוואס צו שפעט און אזוי ווי דאס איז געשעהן ענדע יאהר 1925, האט דער צירקולאר געהאט זיין קראפט ערשט אויפ'ן יאהר 1926.

אזוי קומט אויס, אז א דאנק אונזער אינטערווענץ ביים מיניסטער איז ערשינען דער נייער צירקולאר לויט וועלכען אלע קליינהענדלער וואס זענען גלייכצייטיג האנדווערקער דארפען אויסקויפען נאר איין פאטענט 4 טע קאטעגאריע און בעלי-מלאכות וועלכע ארבייטען אליין דארפען אינגאנצען קיין פאטענט נישט. אויב אלזא דער טשענסטאכאווער פינאנץ-אמט האט בעשטראפט פערשידענע קליינהענדלער פאר'ן נישט אויסקויפען אין זייער צייט קיין פאטענטען איז דאס געווים נישט די שולד פון ברעזעס אדער פון דער פערוואלטונג.

דאס אלעס בעשטעטיגט דער בריף פון דעפ. פארבשטיין, דאטירט פון 2 יאנואר 1926, וועלכען איך לעג ביי צום ארורכזעהען דורך דער רעדאקציע פון דעם בריעף איז צו זעהען, אז די ארויסגעזאגטע געגען מיר שקרים און רכילות האבען נישט קיין שום גרונד.

מיט אכטונג
ש. ניעמיראווסקי.

וואונדער-שעהנע פאעמע פון ליעבע אין 12 גרויסע אקטען לויט דער בעריהמטער ערציהלונג פון העלענא מנישעק.
אין דער טיטול-ראלע
יאדוויגא סמאסארסקא

TRĘDOWATA

פון שבת, ד. 13 און ווייטער אויפ'ן פערלאנג פון פובליקום! נאר אויף איינינע טעג האבען מיר צום 2 מאל אראבגעברענגט דעם בעסטען פוילישען פילם

כדי צו ערמעגליכען אלע דאס זעהען פון דעם בילד זענען די פרייזען אויפ'ן ערשטען סעאנס נאר 1 זל.

טעאטער „אדעאן"
אלעע 27,
לעצטער סעאנס 9.30 אוהענד.
געוועהנליכע פרייזען.
פאר יוגענד ערלויבט.

MNICH NA ROZDROŻU

דעמאנסטרירט פאר ווארשא!
אדער ROMANS UWODZICIELKI
שאפען א אונפערגעסליכען ליבלינגס פאר און הערליכען פענאמענישען פילם א. ט.

פון פרייטאג דעם 12 ביז זונטאג דעם 24 אויגוסט.
די דעמאנישע ליא דע פוטי אלס פערפיהרערין
בען ליאן אלס געמטליכער אין דערנאך גראף און א ליבענדער

טעאטער
נאוואשצי
אלעע 12.
לעצטער סעאנס האלב 10.